STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02070

DI KRAYTSER SONATE

Leo Tolstoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

— דיא —

קרייצער סאנאטע

א שילדערונג איבער דער פערדארבענהייט
אין פאמיליען לעבען,

— פון —

גראף לעא טאלסטאי.

בעארבייטע׳ט

— פון —

ד. מ. הערמאלין.

פרייז 10 סענט.

— פערלאג פון —

מאיר חינסקי, 19 לודלאו סטריט,
ניו יארק.

Published by
M. Chinsky, 19 Ludlow Street,
NEW YORK.

THE ISAAC FRANCK
JEWISH PUBLIC LIBRARY
11710 HUNTERS LANE
ROCKVILLE, MD 20852

דיא קרייצער סאָנאַטע.

1.

רייזענדע, וועלכע האבען בעדאַרפט פאָהרען נאָר קורצע שטרעקען, זיינען אריין אונד ארויס פון וואגאָן, נאָר דרייא פערזאָנען זיינען געפאָהרען גלייך מיט מיר פון דעם פּלאַטץ פון וואנען דער צוג איז אָבגעגאַנגען. פון דיא דרייא פערזאָנען איז געוועזען איינע איין עלטערע אונד ניט קיין שעהנע פרוי; איהר בעקאַנטער, א מאַן פון א יאָהר 40, גאַנץ אַנשטענדיג געקליידעט, אונד א ניעדריגער זעהר נערוועזער מאַן פון מיטעלע יאָהרען. דער לעטצטער האט צוגעצויגען מעהר אויפמערקזאַמקייט מיט זיינע גלענצענדע אויגען, וועלכע האבען אויסגעזעהען אויף איינמאָל צו בליקען איבעראל. דיעזער נערוועזער מאַן האט אויף דער גאַנצער רייזע מיט קיינעם קיין בעקאַנשאַפט ניט געשלאָסען. ווען יעמאַנד האט צו איהם גערעדט, האט ער גע־געננטפערט קורץ אונד שארף, אונד דאן האבען זיינע אויגען באלד געוואַנדערט צום פענסטער. דעננאָך האט עס מיר אויסגעזעהען, אז דיא איינזאַמקייט איז איהם ניט גאַנץ אנגענעהם. עס שיינט, אז ער האט זיך אַנגעשטויסען, אז איך פערשטעה איהם, אונד ווען אונזערע בליקען האבען זיך בעגעגנט, האט ער זיך אָבגעווענדעט, כדי ער זאָל אויסמיידען א געשפּרעך מיט מיר.

פארנאכט איז דער צוג געבליעבען שטעהען פאר א גרויסער סטאַציאָן. דער אַנשטענדיג־געקליידעטער הערר, איין אדוואָקאַט, וויא איך האב שפּעטער ערפאָהרען, איז ארונטער געגאַנגען מיט זיין בעגלייטערין אין וואַרטע־זאאל אום צו טרינקען טהעע. וועהרענד דעם זיינען אריין אין וואגאָן עטליכע אנדערע פּאַסאַזשירען. אונטער דיעזע איז געוועזען איין אלטער מאַן, אונד לויט נאָך זיין קליידונג האט ער אויסגעזעהען צו זיין א קויפמאַן. ער האט זיך געזעטצט גראדע געגענאיבער וואו דער אדוואָקאַט מיט דער פרוי זיינען פריהער געזעסען, אונד ער האט אויך באלד אנגע־פאַנגען א שטיקעל ויכוח מיט א יונגען מאַן, וועלכער האט אויסגעזעהען א האַנדעלס־רייזענדער. דער לעטצטער האט בעמערקט, אז דער פּלאַטץ געהערט איבער איין פערזאָנען. דער אלטער האט געענטפערט, אז ער פאָהרט נאָר ביז צו דער נעבסטער סטאַציאָן, אונד פון דעם האט זיך אויך אָנגעפאַנגען דאס געשפּרעך.

איך בין געזעסען בייא דער זייט, אונד אזוי וויא דער צוג איז געשטאנען, האב איך געקענט עפעס הערען פון זייער געשפרעך. זייא האבען פריהער גערעדט וועגען פרייזען פון כחורות. דאן איבער מסחר, ירידען. דערפון איז מען איבערגעגאנגען צו געשיכטען, אונד דער יונגער מאן האט הערצליך געלאכט. דאס אלעס האט מיך ניט אינטערעסירט. אונד איך האב אנגעפאנגען צו שפאצירען איבער דעם וואגאן צו מאכען אביסעל בעוועגונג, ביז דער צוג וועט אנפאנגען צו געהען. גראדע בייא דער טיהר האב איך בעמערקט דעם אדוואקאט מיט זיין בעגלייטערין.

„איהר וועט שוין קיין צייט ניט האבען ארונטער צו געהען," האט ער צו מיר געזאגט, „באלד קלינגט מען שוין צום צווייטען מאל."

עס איז מאקי אזוי געוועז. וויא איך בין נאר צוגעקומען צום ענדע פון וואגאן, האב איך געהערט דעם גלאק. וואו איך האב מיך אומגעווענדעט, האב איך שוין געטראפען דעם אדוואקאט מיט דער דאמע שטארק פערטיעפט אין געשפרעך. דער אלטער קויפמאן איז געזעסען גענגען איבער אונד האט געשוויגען.

„דארויף האט זיא ערקלערט איהר מאן," האב איך געהערט דעם אדוואקאט זאגען, „אז זיא קען מיט איהם ניט לעבען אונד וויל ניט, וויל"...

וואס ער האט ווייטער דערצעהלט, האב איך ניט געקענט הערען, ווייל דער קאנדוקטאר איז גראדע דורכגעגאנגען מיט א נייעם פאסאזשיר. וויא עס איז שטילער געווארען, האב איך ווייטער געהערט דעם אדוואקאט:

„מען האט זיך אנגעהויבען צו קריגען, איבער געלד־זאכען, אונד גלאט אזוי, ביז זייא האבען זיך געמוזט שיידען. אין דיא אלטע צייטען איז דאס ניט פארגעקומען, ניט אזוי?" דיא לעצטע פראגע איז שוין געשטעלט געווארען צום קויפמאן, וועלכער האט זיך אויסגעזעהען צו אינטערעסירען מיט דעם וואס דער אדוואקאט דערצעהלט.

גראדע דאמאלס, האט אבער דער צוג אנגעפאנגען צו געהען. נאך א פויזע האט דער אלטער קויפמאן געענטפערט:

„עס איז אפילו ניט קיין נייעס. פריהער איז עס אויך פארגעקומען, אבער, נאטירליך, זעלטענער. יעטצט, מיין הערר, איז דיא וועלט צו שטארק ציוויליזירט געווארען."

דער אדוואקאט האט עפעס געענטפערט, נאר דער צוג, האט צו שטארק גערוישט אונד איך האב ניט געהערט וואס ער האט געזאגט. עס האט מיך אבער אינטערעסירט ווייטער צו הערען דעם אלטענ'ס ווערטער. מיין שכן, דער נערוועזער,

האט אויך אויסגעזעהען גייגיערינ, אונד ניט צו פערלאָזענדינג זיין פלאטץ, האט ער זיך צוגעבויגען.

„וואָס האט עס עפּעס צו טהון מיט דער ציוויליזאציאָן אָדער בילדונג?" האט דיא דאמע געפרעגט. „איז עס דען בעסער חתונה צו האבען וויא אין דיא אלטע צייטען, ווען דער חתן מיט דער כלה האבען זיך גאָר ניט געזעהען? זייא האבען ניט געוואוסט אויב זייא ליעבען זיך, אויב זייא וועלען זיך ליעבען, אונד אזוי האט מען חתונה געהאט מיט סאַ־וועמען אונד מען איז פערשוואַרצט געוואָרען דאס גאנצע לעבען. מיינט איהר אפשר, אז דאס איז בעסער געוועזען?"

„מען איז צו פיעל ציוויליזירט געוואָרען!" האט דער אלטער געענטפערט ווארפענדיג א שמיכעל פעראכטענדען בליק אויף דער דאמע.

„איך וואלט געוואלט וויסען," האט דער אדוואקאט בעמערקט, „וויא אזוי איהר קענט מיר ערקלערען דיא בילדונג מיט דער אונאיינינקייט צווישען מאן אונד ווייב."

דער קויפמאן האט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער דיא דאמע האט אונטער־געבראָכען:

„נייִן, דיעזע צייטען זיינען פאָראיבער"...

„ערלויבט איהם," האט זיא דער אדוואָקאט אונטערבראָכען, „זיינע געדאנקען אויסצושפּרעכען."

„ווייל דיא פרוי האט מעהר קיין מורא ניט פאר'ן מאן," האט דער קויפמאן געענטפערט.

„וויא איז עס דען מעגליך," האט זיך דיא דאמע אריין געמישט, „אז פער־הייראטעטע פערזאָנען זאָלען זיך ניט ליעבען? נאָר בהמות ווערען געפּאארט פון זייערע בעלי־בתים; אָבער מענשען האבען זייערע סימפּאטהיען אונד בעשטענדינקייט אין דער ליעבע."

דער האנדעלס־רייזענדער האט זיך דערווייל אָנגעלעהנט אויף דער זייט פון דעם זיבּיץ, אונד מיט א שמייכעלע זיך צוגעהערט.

„איהר האט ניט קיין אורזאכע אזוי צו רעדען, מאדאם," האט ער געזאגט, „ווייל א בהמה איז א בהמה, אָבער דעם מענשען איז געגעבען געוואָרען דאס געזעטץ."

„וויא קען מען אָבער לעבען מיט א מענשען וואָס מען ליעבט ניט?" האט זיא געפרעגט.

„פריהער האט מען דארויף ניט געקוקט,“ האט דער אלטער געזאגט. „מען האט עס ערשט יעטצט איינגעפיהרט, אז דיא פרוי זאגט: „איך וועל דיך איבער־לאזען!“ בייא דיא בויערן איז שוין אויך אזוי. זייא האבען אויך אנגענומען דיא מאדע: — „דא האסטו דיין העמד מיט דיינע הויזען,“ זאגט זיא, „איך וועל מיר געהן מיט וואניא'ן, ער האט שענערע האאר אלס דוא!“ עס איז ניטא וואס צו רעדען: דיא פרוי מוז פאר אלעמען, מורא האבען פאר'ן מאן!“

„וואס פאר א מורא?“ האט דיא דאמע געפרעגט.

„גאנץ איינפאך: דיא פרוי זאל אנערקענען איהר מאן אלס בעל־הבית, דאס הייסט מורא האבען.“

„ניין, אלטעטשקער, דיעזע צייטען זיינען שוין פאראיבער.“

„ניין, ניין, דיעזע צייטען זיינען נאך ניט פאראיבער. חוה, דיא פרוי, איז גע־נומען געווארען פון דעם מאן'ס ריפען; אזוי וועט עס בלייבען אויף אייביג!“ דער אלטער האט געזאגט דיעזע ווערטער שאקלענדיג שטארק מיט'ן קאפ, אונד דער האנדעלס־רייזענדער האט איהם צוגעשטימט אונד געלאכט.

„אזוי דענקט איהר, מענער,“ האט דיא דאמע געענטפערט. „איהר האט אייך אליין גענומען פרייהייטען אונד ווילט האלטען דיא פרוי געפאנגען. איהר ערלויבט אייך אלעס.“

„מיר מענער — יא, אבער דאס איז א גרויסער חילוק.“

„איהר מיינט אלזא, אז דיא מענער איז עס שוין אלעס ערלויבט?“

„פון ערלויבנים איז גאר קיין רעדע ניט,“ האט דער אלטער ווידער געזאגט, „אבער דער מאן מוז זיין בעל־הבית בייא זיך אין שטוב, ווייל דיא פרוי איז א שברי־כלי.“

„איך גלויב ווידער, אז איהר וועט מיר מודה זיין, דאס דיא פרוי איז גראדע אזא מענש אונד האט אויך אזעלכע געפיהלע וויא דער מאן. וואס קען זיא טהון ווען זיא ליעבט ניט איהר מאן?“

„זיא ליעבט איהם ניט?“ האט דער אלטער געפרעגט אין כעס ווערענדיג. „וואס הייסט זיא ליעבט איהם ניט? דערפאר זאלט איהר זיך שוין ניט זארגען. זיא וועט איהם שוין ליעבען.“

„ניין, זיא קען איהם קיינמאל ניט ליעבען,“ האט דיא דאמע געענטפערט. „ליעבע קען מען ניט מאכען, ווען זיא איז ניטא. צווינגען צו ליעבען, איז אונ־מעגליך.“

„אונד ווען דיא פרוי ווערט דעם מאן אונטריי, וואס איז דאן?“ האט דער אדוואָקאט געפרעגט.

„דאס דארף ניט זיין. דאס מוז מען פערהיטען.“

„אָבער ווען עס פּאסירט דאָך, וואס טהוט מען? עס קען דאָך פּאָר־קומען.“

„יא, עס פּאסירט, אבער ניט בייא אונז. אונד ווען עס קומט דאָך פאָר וואס א נאכלעס־נער מאן קען ניט זיין פרוי האלטען אין צוים, דאן איז א מצוה אויף איהם. דערפון דארף אָבער יעדענפאלס קיין סקאנדאל ניט ענטשטעהען. זאל זיא ליעבען דעם מאן אָדער ניט. אבער דאס הויז דארף ניט געשטערט ווערען. יעדער מאן קען זיין פרוי בעהערשען, אונד טאקי דערצו האט ער דיא קראפט. נאָר א דומקאָפּ קען ניט!“

אלע האבען געשוויעגען, אונד מיט א שמייכעלע אויף זיינע ליפען, האט דער האנדעלס־רייזענדער געזאגט:

„מיט אונזער יונגען בעל־הבית איז אויך ענטשטאנדען א סקאנדאל; עס איז זעהר שווער צו אורטהיילען דאריבער. ער איז איין ערנסטער אונד געבילדעטער מענש, אונד ער האט זיך פעראייניגט מיט א לייכטזיניגער פרוי. ער האט פאר איהר אלעס מעגליכע געטהאָן, נאָר זיא איז קיין לייט ניט, אונד חוץ איהרע אנדערע געמיינהייטען, האט זיא איהם אויך בעגנב׳עט. ער האט זיא דערפאר געשלאָגען. אונד וואס מיינט איהר איז געוואָרען? נאָך ערגער, זיא האט זיך פערליעבט אין איינעם. וואס האט דער מאן געקענט טהון? ער האט געמוזט זיך אבשיידען פון איהר, אונד זיא לעבט יעטצט אין אויסגעלאסענהייט.“

„ער איז א דומקאָפּ!“ האט דער אלטער געזאגט. „ווען דער מאן וואָלט דיא פרוי פון אנפאנג אָן שטרענג געהאלטען, וואָלט עס גאר קיינמאל דערצו ניט געקומען. איהר ווילען מוז פון אנפאנג אָן געבראָכען ווערען. מען בעדארף ניט גע־טרויען דעם פערד אויף׳ן פרייען פעלד אונד דער פרוי אין הויז.“

דער קאָנדוקטאָר איז דערבייא צוגעגאנגען צום אַלטען אונד בייא איהם אוועק גענומען זיין בילעט.

„יא, דיא פרויען מוזען צו דער רעכטער צייט געהאלטען ווערען פעסט אין צוים, זאָנסט איז אלעס פערלוירען.“

„אונד איהר אליין,“ האט דער אדוואָקאט בעמערקט לייכטזיניג, „זייט ניט צוריק געטרעטען פון שעהנע פרויען, אויף דיא ירידען, לויט וויא איך האב אייך געהערט דערצעהלען.“

„דאס איז שוין א גאנץ אנדערע זאך,„ האט דער קויפמאן געזאגט. „דערפאר בין איך דאך א מאן."

2.

דאן איז דער צוג געבליעבען שטעהן בייא דער סטאציאן אונד דער אלטער האט פערלאזען דעם וואגאן.

„דאס איז זעהר א טרויעריגער אונד שלעכטער בעגריף פון א פרוי!" האט דיא דאמע בעמערקט.

„יא," האט דער אדוואקאט געענטפערט. „מיר זיינען נאך זעהר וויט פון דער אייראפעאישער מיינונג איבער פרויען. מיר האבען נאך דרייא פראגען צום אויפלעזען; ערשטענס: דיא פרויען־רעכטע; צווייטענס: דיא ציוויל־חתונות; אונד דריטענס: דעם גט."

„וואס אזעלכע מענשען פערשטעהן ניט איבערהויפט," האט דיא דאמע וויטער געזאגט, „איז, אז נאר דיא ליעבע מאכט הייליג דיא פעראייניגונג צווישען מאן אונד וויב, אונד ערשט דאן ווערט דיא חתונה א ריכטיגע."

„וואס איז דאס פאר א ליעבע וואס הייליגט דיא פעראייניגונג אדער חתונה?" האט פלוצלינג געפרעגט דער נערוועזער מאן.

„וואס דאס איז פאר א ליעבע?" האט דיא דאמע געענטפערט, „דיא געוועהנליכע ליעבע צווישען מאן אונד וויב."

„וויא קען דען א געוועהנליכע ליעבע פערהייליגען דיא פעראייניגונג?" האט וויטער געפרעגט דער נערוועזער הערר. ער האט אויסגעזעהען זעהר אויפגערעגט.

„וויא אזוי? גאנץ איינפאך"... אבער איידער דיא דאמע האט געהאט צייט נאך עפעס צו זאגען, האט דער נערוועזער הערר געמורמעלט:

„ניין, גאר ניט אזוי איינפאך!" —

„זיא מיינט," האט דער אדוואקאט זיך אריין געמישט, „אז דיא פעראייניגונג קומט ערשטענס פון סימפאטהיע, אדער פון ליעבע ווען איהר ווילט עס אזוי רופען, אונד, נאטירליך, אין דעם פאל, ווען עס איז עפעס פערהאנדען ליעבע, דאן איז אין דער פעראייניגונג אויך דא הייליגעס. דיא פעראייניגונג אבער, ווען זיא קומט ניט פון סימפאטהיע אדער ליעבע, דאן איז זיא ניט מאראליש אדער פערבינדענד. האב איך אייך ריכטיג פערשטאנען?" האט ער געפרעגט דיא דאמע.

זיא האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, צום צייכען, אז אזוי האט זיא גע־מיינט.

„אונד דאן"... האט דער אדוואָקאט אָנגעפאנגען, אבער דער נערוועזער הערר האט איהם אונטערבראָכען:

„גוט. אבער וואס פערשטעהט איהר אונטער דער ליעבע וואס היילִיגט דיא פעראייניגונג?"

„יעדער מענש ווייסט וואס עס הייסט ליעבע!" האט זיך דיא דאמע אריין געמישט.

„איך וויים אבער ניט, אונד איך וואָלט זעהר געוואָלט וויסען וויא אזוי איהר ערקלערט דאס."

„וויא אזוי? זעהר איינפאך. ליעבע! ליעבע איז אזא מין אנציהונג, וואס מאכט אונז פאָרציהען איין זאך, דאס וואס מיר ליעבען, פאר אלעם אנדערע."

„פאָרציהען אויף וויא לאנג? אויף א מאָנאט? אויף צווייא טעג? אויף א האלבע שטונדע?" האט געפרעגט דער נערוועזער הערר.

„אויף וויא לאנג? אויף זעהר לאנג. אָפט פיר דאס גאנצע לעבען."

„אבער דאס קומט נאָר פאָר אין א ראָמאן. אין לעבען, קיינמאל ניט. אין לעבען בעשטעהט דיעזעס פאָרציהען זעהר זעלטען יאהרען לאנג. מייסטענטהיילס געדוירט עס נאָר מאָנאטע, וואָכען, טעג אדער בלויז שטונדען."

„וואס זאגט איהר? ניין, ניין, דאס קען ניט זיין!" האבען מיר אלע דרייא אויסגערופען כמעט אויף איינמאל. זאָגאר דער האנדעלס-רייזענדער האט אויך שוין ניט געקענט דערמיט איינשטימען.

„איך וויים, איך וויים," האט אונז אריבער געשריען דער נערוועזער הערר, „איהר האט געשפּראָכען פון איין „עפּעס", וואס איהר נעהמט אן, אז עס עקזיס-טירט, ווערענד ווען איך רעדט דערפון, וויל איך וויסען וואָס עס איז אין דער ווירקליכקייט. יעדער מאן שפירט דאס, וואס איהר רופט ליעבע, צו א שעהנעם פרויענצימער, אבער וועניגער וויא פיר אלע אנדערע, שפירט ער עס פיר זיין אייגענע פרוי."

„דאס וואס איהר זאגט, איז שרעקליך! דער מענש האט דאך א געפיהל, וואס מען קען ניט אבלייקענען, אונד דיעזעס געפיהל, רופט מען ליעבע, וועלכעס געדויערט ניט מאָנאטען אדער יאהרען, זאָנדערן דאס גאנצע לעבען."

„ניין, אזא זאך עקזיסטירט ניט. עס איז גראָדע דאסזעלבע וויא מען זאל זאגען, אז א ליכט קען ברענען א גאנצעס מענשען-לעבען. יא, דאס ליכט ברענט, א געוויסע צייט, אונד דאן נעהמט עס אויס. עס איז דאסזעלבע מיט דעם וואס איהר רופט ליעבע."

„עס זעהט אויס, אז איהר רעדט נאָר פון דער קערפּערליכער ליעבע. קענט איהר ניט צו געבען, אז עס עקזיסטירט ליעבע, דערפאַר וואס מען דענקט גלייך אונד דערפאַר וואס דיעזע אנציהונג איז געגרינדעט אויף דער פערוואַנדטשאַפט פון איין מענשען'ס זעעלע צו דער צווייטער?"

„ווער זאגט איך וויל דאס ניט צו געבען? אבער אין אזא פאל וואָלט עס גאר ניט געטהיג געווען צוזאַמען צו שלאָפען (ענטשולדיגט מיין אויסדרוק.) גלייכע אידעען טהיילט מען אבער ניט מיט אַלטע פרויען, זאָנדערן אימער נאָר מיט שעהנע אונד יונגע."

ער האט דעריבער געלאַכט אויף איין אונהיימליכער ארט.

„יא," האט ער ווייטער געזאגט, „איך בעהויפּטע, אז דיא ליעבע, דיא ווירק־ליכע ליעבע, ווערט ניט געהייליגט דורך פעראייניגונג אדער חתונת האבען, אין געג־גענטהייל, זיא ווערט דערפאַר צערשטערט."

„ערלויבט מיר," האט דער אדוואָקאט געזאגט, „דאס לעבען איז גראַדע א ווידערשפּרוך צו אייער בעהויפּטונג. מיר זעהן, אז עס עקזיסטירען פעראייניגונגען בייא דער מעהרצאָהל אונטער דער מענשהייט, וואס ווערען גראַדע געהייליגט וויל מען איז זיך צוזאַמען געקומען, אָדער געהייראַטהעט, אונד מאַן מיט ווייב לעבען זיך אָב גליקליך אַלע זייערע יאהרען."

דער נערוועזער הערר האט ארויס געלאָזען א בעזען געלעכטער.

„וויא איז דאס מעגליך? איהר זאגט, אז דיא פעראייניגונגען זיינען געגרינדעט אויף ליעבע. איך ווידער, צווייפעל גאר אין דער עקזיסטענץ פון ליעבע, מיט דער אויסנאַהמע, נאַטירליך, פון דער קערפּערליכער ליעבע — איהר ווידער ווילט מיר אונבעדינגט בעווייזען דיא עקזיסטענץ פון דער ליעבע אין דער הייראַטה. דיא הייראַטה אדער פעראייניגונג, איז, אין אונזער צייט, בלויז א בעטרוג, א געצוואונ־גענע זאַך."

„ניין, ערלויבט מיר," האט דער אדוואָקאט נאָך אמאל אָנגעפאַנגען, „איך האב נאָר געזאגט, אז עס זיינען געווען אונד עס זיינען נאָך דאָ הייראַטהען"...

„אבער וויא אזוי עקזיסטירען זייא? זייא זיינען בעשטאַנען אונד בעשטעהען נאָך עד־היום אונטער דיא מיגשען, וועלכע זעהן אין דעם עפּעס געהיימניספאָלעס,— א הייליגטהום, וועלכעס פערבינדעט פאַר גאָט. אמת, בייא אזעלכע עקזיסטירט דיא הייראַטה, אָבער ניט בייא אונז. פיר אונז איז זיא נאָר א שווינדעל אונד א נויט־זאַך. דאס פיהלען מיר, אונד אום אונז צו בעפרייען דערפון, פּרעדיגען מיר דיא ליעבע. אייגענטליך איז דיא פרייע ליעבע, דאס הייסט, מען זאָל ניט זיין

צוגעבונדען גראדע צו איין ווייב, ניט מעהר וויא דאס צוריקקעהרען צו דיא נאטור־געזעטצע פון אלטע צייטען, אז מען זאל קענען האבען א פרייען פערקעהר צווישען אללע מענער אונד פרויען, (ענטשולדיגט מיר דעם אויסדרוק,) אדער, בעסער געזאגט, צו דער זינד געגען דאס 7-טע געבאט פון דיא עשרת הדברות. דאס וואס איז געוועזן ביז אהער, איז שוין אבגעדראשען, עס ניצט ניט מעהר. מיר מוזען עפּעס אנדערש אויסגעפינען, אז מען זאל ניט דארפען דערביא פרעדיגען קיין פערדארבענהייט.״

ער איז אזוי אויפגערעגט געווארען, אז אלע האבען איהם ערשטוינט בעטראכט.

„אונד דיעזע איבערגאנגס צייט איז שרעקליך. דיא מענשען פיהלען, אז מען דארף ניט צולאזען דיא זינד וועגען דעם 7־טען געבאט, אונד דיא בעציהונגען צווישען מאן אונד פרוי מוזען פעסטגעשטעלט ווערען נאך א געוויסער רעגעל, אבער עס איז ניטא דערבייא קיין ארדנונג, אויסער דיא אלטע, אין וועלכע מען גלויבט ניט מעהר. דיא מענשען האבען חתונה נאך׳ן אלטען מנהג, אונד גלויבען אבער ניט אין דעם וואס זייא טהון, פון וואנען עס ענטשטעהט בעטרוג אונד געמיינהייט. מאן אונד פרוי מאכען נאר דיא מענשען גלויבען, אז זייא לעבען בלויז איינער מיט אנאנדער, אבער אין אמת׳ן לעבען זייא מיט פיעלע אנדערע. דאס איז ניעדערטרעכטיג, אבער עס איז דאך אזוי. ווען אבער מאן אונד פרוי פערפליכטען זיך, אז איינער איז צוגעבונדען צום צווייטען אונד זייא מוזען אזוי אבלעבען אלע זייערע יאהרען, אונד ווען עס פאסירט, אז צום צווייטען מאנאט קענען זייא צוזאמען ניט לעבען אונד בלייבען דאך צוזאמען — דאן קומט דערפון ארויס א גיהנום, וועלכעס פיהרט דערצו ענטוועדער צו ווערען א שיכור, בעגעהן זעלבסטמארד אדער זיך אונד אנדערע צו פערגיפטען.״

אלע זיינען געזעסען שטיל אהנע צו וויסען וואס צו ענטפערן. דער אדוואקאט האט ענדליך בעמערקט:

„יא, עס זיינען פערהאנדען טרויעריגע געשיכטען אין פערהייראטעטען לעבען. דאס איז צום בייששפיעל דיא געשיכטע פון פאזדנישעוו, וועלכער האט אויס אייפערזוכט, ערמארדעט זיין אייגענע פרוי, — האט איהר דאריבער געלעזען ?״

דיא דאמע האט געענטפערט, אז זיא האט דאריבער ניט געלעזען. דער נערוועזער הערר האט גאר ניט געזאגט, אבער דער אויסדרוק אויף זיין געזיכט, האט זיך שטארק געענדערט.

„איך זעה,“ האט ער פּלוצלינג אָנגעפאַנגען, „אז איהר האט מיך דער־קענט !“

„ניין, איך האב גראדע ניט געהאט דאס פערגניגען איך צו קענען“.

„דאס פערגניגען איז ניט זעהר גרויס. איך בין פּאָזדניטשעוו“.

אלע האבען ווידער געשוויגען. דער נערוועזער הערר, וועלכער האט זיך גערופען פּאָזדניטשעוו, איז רויט אונד בלאַס געוואָרען.

„עס בלייבט זיך גלייך“, האט ער דאן געמורמעלט. „ענטשולדיגט מיר, איך וויל אייך ניט שטערען“.

ער האט זיך בייא דיעזע ווערטער אומגעווענדעט אונד זיך אוועק געזעטצט אויף זיין פּלאַטץ.

3.

איך האב מיך אויך אוועק געזעטצט אויף מיין פריהערינגען פּלאַטץ. איך בין געזעסען נעבען פּאָזדניטשעוו'ן אונד געשוויגען. איך האב זעהר גערן מיט איהם געוואָלט רעדען, אבער איך האב ניט געוואוסט וויא איך זאָל דאס אָנפאַנגען. אזוי זיינען פּאַראיבער איייניגע מינוטען אין א טיעפעם שטילשווייגען, ביז מיר זיינען אָנ־געקומען צו דער נעכסטער סטאַציאָן, וואו דער הערר אונד דיא דאַמע, וויא אויך דער האנדעלס־רייזענדער, האבען אויסגעשטיעגען. איך בין דאן געבליעבען גאַנץ אליין אין וואַגאָן מיט פּאָזדניטשעוו'ן.

„אונד דיעזע מענשען רעדען ! ענטוועדער זייא זאגען ליעגען, אָדער זייא פער־שטעהן זיך אליין ניט !“ האט ער פּלוצלינג אויסגערופען.

„דאס הייסט... פון וואס רעדט איהר ?“

„נאך אימער איבער דאסזעלבע.“

ער האט זיך דאבייא אָנגעשפּארט מיט זיין קאָפּ אויף דיא הענד, אונד זיינע פינגער האבען שטארק צוגעדריקט זיינע שלייפען.

„ליעבע, הייראטה, פאמיליע ! אלעס איז ליעגען, ליעגען, ליעגען !“

ער איז אויפגעשטאַנען אונד זיך דאן אָנגעשפּארט אן דעם קישען פון זיין זיטץ. ער האט צוגעמאַכט זיינע אויגען, אָבער אין איין אויגענבליק ארום האט ער געזאגט :

„איז אייך מיין געזעלשאַפט ניט אונאַנגענעהם זייט דעם איהר ווייסט ווער איך בין ?“

„אָה, ניין !“

„ווילט איהר ניט שלאָפען ?“

„ניין, איך בין נאָך ניט שלעפעריג.“

„דאַן, ווען איהר ווילט... וועל איך אייך דערצעהלען מיין לעבענס־געשיכטע.“

זיין געזיכט האט אָנגענומען א שעהנע מיענע, אָבער פול מיט א ריהרענדען אונד טרויעריגען אויסדרוק.

4.

„איך וועל אייך אלזאָ דערצעהלען איבער מיין לעבען אונד דיא גאנצע שרעקליכע געשיכטע. שרעקליך, אונגעהייער שרעקליך! דיא געשיכטע זעלבסט, איז נאָך שרעקליכער אלס איהר ענדע.“

ער האט געשוויגען, אונד אלס ער האט זיך אויסגעווישט דיא אָבגעווענדעטע אויגען, האט ער אָנגעפאנגען:

„ווען איך וויל אייך דערצעהלען, דאַן מוז איך קורץ פאר דעם אָנפאנג אָנ־הייבען, דאמיט איך זאָל אייך אָבשילדערן, וויא עס קומט ווארום איך האב גע־הייראטעט. ערשטענס וועל איך אייך זאגען ווער איך בין. מיין פאטער איז געווען א רייכער עדעלמאן. איך האב געשטודירט אין דער אוניווערזיטעט אונד געוואָרען אדוואָקאט. ווען איך בין אלט געוואָרען 30 יאהר, האב איך חתונה געהאט. איידער אבער איך רעדט פון מיין חתונה, מוז איך אייך פריהער אבשילדערן, וויא אזוי איך האב געלעבט אונד וואס איך האב געדענקט פון פאמיליען־לעבען.

איך האב געלעבט, וויא אלע יונגע קינדער פון רייכע עלטערן, אין אויסגע־לאסענהייט. אונטערדעסען בין איך בייא מיר געווען איבערצייגט, אז איך מאך איין אויסנאהמע, אונד בין מאָראליש. דאס איז נאָר געווען דערפאר, ווייל איך בין ניט אריבער געגאנגען דיא מאאס. זייענדיג ערצויגען אין א פאמיליע וואו דער פאטער אונד דיא מוטער זיינען זיך קיינמאל ניט געווען אונטרייא, האב איך מיר אויך פאָרגעשטעלט אזא אידעאלעס אונד פאָעטישעס פאמיליענלעבען. מיין פרוי זאָל זיין, האב איך מיר געטראכט, פאָלקאָמען, אונד מיר זאָלען זיך לעבען וויא דיא טויבען. טראָטץ דעם האב איך געלעבט 10 יאָהר אלס ערוואקסענער מענש אונד מיך ניט געאיילט חתונה צו האבען. מיין מעלה איז געווען, וואס איך האב קיין מיידלעך ניט פערפיהרט אונד מיך ניט היינגעגעבען צו אוננאטירליכע פערגניגענס. דערמיט האב איך מיך שוין גערופען, א פאָלקאָמענער מאָראלישער מענש. דיא פרויען, מיט וועלכע איך פלעג מיך צוזאמען קומען, זיינען נאָר געווען מיינע, כל־זמן זייא האבען מיר געקענט פערשאפען פערגניגען. איך האב אין דעם גאר קיין שלעכטס ניט געזעהן. אין געגענטהייל. ווייל איך האב ניט געוואָלט בעריהרען זייערע הערצער

אונד בעצאָהלט פיר מיין פערגניגען, האב איך מיך שוין געהאַלטען אלס גענגט מאָ־ראליש אונד בין געוועזען שטאָלץ דארויף. עס איז מעגליך, אז איך האב געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, אבער איך ווייס ניט דערפון, אונד איך האב עס קיינמאל ניט בעאַבזיכטיגט. איך האב ניט בעגריפען, אז דאס פערברעכען ליעגט ניט אין דער קערפערליכער צופריעדענהייט, זאָנדערן אין דעם ענטזאגען זיך פון יעדער מאָ־ראלישער פליכט. איך ערינער מיך זעהר גוט וואס עס האט אמאל פאַסירט, אז עס איז מיר גאר ניט אויסגעקומען איינער צו בעצאהלען. דאס איז וואהרשיינליך געוועזען, ווייל זיא האט מיך ליעב געהאט. איך האב מיך אבער ערשט שפּעטער בע־רוהיגט, ווען איך האב איהר אָבגעשיקט דאס געלד, אום איהר צו בעווייזען, אז איך האב צו איהר קיינע מאָראלישע פליכטען.

„שאָקעלט ניט אזוי מיט'ן קאָפּ, גלייך וויא איהר וואָלט מיט מיר דאָ געוועזען איינפערשטאנען,“ האט ער פּלוצלינג אויסגעשריען. אלע אונד אויך איהר זייט פון דערזעלבער מיינונג וויא איך בין דאמאלס געוועזען. יעטצט דענק איך אנדערש. ווען איך וואָלט עס דאמאלס געוואוסט, דאן וואָלט ניט געשעהען דאס, וואס עס איז געשעהן. אָבער עס בלייבט זיך גלייך — ענטשולדיגט מיר — יעדענפאלס איז עס שרעקליך, שרעקליך, שרעקליך! אין וואס פאר א פערדרעהעניש פון פערברעכען מיר זיינען, ווען מיר קומען צו דער איינענטליכער פרויען פראגע“...

„אונד וואס רופט איהר דיא איינענטליכע פרויען פראגע?“

„עס איז דיא פראגע, אויב דיא פרוי איז ניט אזא בריאה וויא דער מאן, אונד וויא אזוי זיא אליין אונד דער מאן דארף זיא בעטראַכטען.“

5.

צעהן יאהר האב איך געחלום'ט פון א חתונה אונד ערהאבענער ליעבע, אבער נאָר פון דעם נאמען אליין, אונד איך בין דערווייל געשוואומען אין שמוטציגסטען זומפּף פון אויסגעלאַסענהייט. יא, איך וועל אייך דערצעהלען וויא אזוי איך בין גע־קומען דערצו, צו הרג'ענען מיין פרוי. פריהער אָבער זאָלט איהר וויסען וויא אזוי איך בין פערדאָרבען געוואָרען. ערשט נאך דיא צרות וואס איך האב דורכגעמאַכט, האב איך ערפאהרען דעם אמת. עס איז געוועזען צור צייט ווען איך בין אלט גע־וואָרען 16 יאהר. מיין עלטערער ברודער איז אריין אין דער אוניווערזיטעט אונד איך בין געבליעבען אין גימנאזיום. איך האב נאך דיא פרויען ניט געקענט. אָבער איך בין געוועזען, וויא אלע אונזערע אונגליקליכע קינדער, קיין אונשולדיגער מעהר. נאך מיט צוויא יאהר צוריק בין איך פערדאָרבען געוואָרען דורך אנדערע אינגלעך. עס האט מיך שוין געקוועהלט דיא פרוי — ניט קיין בעשטימטע פרוי — זאָנדערן גלאַט

א פרוי, אלס עפּעס זיסעס; דיא פרויען, אירגענד א פרוי, אונד איהר נאקעטקייט...
ווען איך בין געבליעבען אליין אונד געקלערט, האב איך ניט געקענט זיין ריין.
איבריגענס בין איך געווען, אין דיעזער בעציהונג, ניט בעסער אלס 99 פּראָצענט
פון דיא איבריגע אינגלעך. מיין נאטור, אדער דאס ביסעל גוטע אין מיר, האט
פּראָטעסטירט, זיך ניט געוואָלט לאָזען אזוי טיעף זינקען. אָבער קיין זאך האט גע-
האָלפען. איך בין געווען פערדאָרבען אי אין מיינע געדאנקען, אי אין מיינע
טהאטען. אָבער דעם לעצטען שריט, דאס הייסט, דיא פערדאָרבענהייט צו בעטריי-
בען מיט א פרויענצימער, האב איך נאך ניט אָנגעפאנגען. איך האב מיך בלויז אליין
רואינירט אונד קיינע אנדערע געשאדעט. אבער איך האב מיך בעקאנט געמאכט
מיט א סטודענט, מיין ברודער'ס א פריינד, אונד דיעזער איז געווען, וויא מען זאגט,
א „וואוילער יונג" וועלכער איז געווען אין דער ווירקליכקייט א חברה־מאן וואס האט
צו קיין זאך געטויגט, אונד געקענט גוט טרינקען, וויא אויך גרויסע פּאַרטשריטען
געמאכט אין קארטען שפּיעלען. מיין ברודער איז נאך אויך געווען אונשולדיג,
אָבער מיר האבען דעם „וואוילען יונג" ניט געקענט ענטזאגען. ער האט אונז גע-
רופען אונד מיר זיינען געגאנגען. נאטירליך וואָלט ער פין אונז געלאכט ווען מיר
וואָלטען ניט געגאנגען. דאן האבען מיר דאך אליין אויך עפּעס געוואָלט ווערען
„וואוילע יונגען". קורץ, איך האב שוין צו מיין פערדאָרבענהייט צוגענומען א שותף.
איך האב אפילו קיין אויגענבליק געדאכט, אז איך טהו אונרעכט. קיינער האט עס
מיר אויך ניט געזאגט, אז מען טאָר ניט. דאס וואס עס שטעהט אין דיא עשרת
הדברות, איז מעהר ניט גוט געווען צו וויסען, וויא אבצוגעבען עקזאמען אויך אין
רעליגיעזע זאכען.

דאן האב איך אויך ניט געהערט פון עלטערע מענשען, אז דאס וואס
איך האב געטהאָן אונד אָנגעפאנגען צו טהון, איז ניט גוט אָדער עס איז פערבאָ-
טען. גראדע אומגעקעהרט, איך האב גאר געהערט פון מענשען, וועלכע איך האב
געאכטעט, אז דאס איז גאנץ גוט פיר דער געזונדהייט, דאס הייסט, דיא וויסענ-
שאַפט האט עס ערלויבט אָדער געהייסען טהון.

„דיא וויסענשאַפט?" האב איך געפרעגט.

„יא, וואס זיינען דען דיא ערצטע? זייא זיינען דאך דיא פּריעסטער פון
דער וויסענשאַפט. ווער טהוט דען דער יוגענד מעהר שלעכטעס וויא דער דאָקטאָר
וואס זאגט, אז אזא זאך איז נעטהיג צו דער געזונדהייט? יא, ווען אנשטאט דעם
וואס מען פּרעדיגט, אז פערדאָרבענהייט איז גוט צו דער געזונדהייט, זאָל מען
בעסער פּרעדיגען מאָראל אונד זיטען, וואָלט דאן דיא וויסענשאַפט פיעל שענערע

אונד ערעקלערע ציעלען געהאט. איך אלזא בין אויך געווען איין אפפער פון דיזער וויסענשאפט. איך בין זיכער, דאס ווען דיא אומשטענדען וואלטען אנדערס געווען, דאס הייסט, ווען יעדער איינער וואלט זיך געפיהרט בראוו אונד אנשטענדיג, וואלט איך אויך דיזען וועג גענומען אונד ניט בעדארפט דיזעס מיטעל צו מיין געזונד-הייט. עס איז א טרויעריגע געזונדהייט. מען מעג זיא בעסער רופען מיט דעם פאסענדען נאמען שמוטציגע קראנקהייט. ווען איך האב דאמאלס דאס צימער פער-לאזען אונד מיך דערמאהנט, אז מיין אונשולד איז אוועק אונד איך וועל קיינמאל מעהר ניט קענען צוטרעטען ריין אונד אונפערדארבען צו מיין איינענער פרוי, האב איך געוויינט פאר שמערץ.

אבער אזוי וויא דעם שיכור איז שווער בלויז זיך צום ערשטען מאל צו בעזויפען, אזוי איז עס מיט מיר אויך געווען. עס איז דאסזעלבע מיט דעם וואס רויכט אפיום אדער טאבאק. מען געוועהנט זיך צו, אונד דאן איז מען שוין ליידענשאפטליך. איך בין געווארען איינער פון דיזע.

6.

דאס איז מיין אורטהייל איבער מיר אליין. איך בין געווארען א שמוטציגער שופט, אבסאלוט ניט אכטענדיג אויף דעם אונגליק פון דיא ארעמע פרויענצימער. איך האב זייא בעטראכט אלס דאס מיטעל פון ליידענשאפט, אונד ניט מעהר. שוידערהאפט איז עס, וויא מיר 30-יעהריגע זינדער, וועלכע האבען הונדערטע פון פערשיעדענע פערברעכען געגען אונגליקליכע פרויען אויף אונזער געוויסען, פערגעסען פלוצלינג אין אלעמען. מיר ציהען זיך אן אין א שעהנעם אנצוג, מיט ווייסער וועש, אונד מיר שטעלען פאר א בילד פון ריינהייט אונד אנשטאנד. אונטען אבער, אונטער דיעזע ריינע קליידער, ליעגט א הויפען מיט שמוטץ, געמיינהייט אונד פער-דארבענהייט.

אזוי האב איך אויך געלעבט ביז צו מיין 30-טעם יאהר. דעם געדאנק פון דער הייראטה מיט א ריינעס אונד אידעאלעס פאמיליען-לעבען, האב איך אונטערדרעסען ניט אויפגעגעבען. איך האב דאן אנגעפאנגען צו שטודירען דיא מיידלעך ארום מיר, אום מיר אויסצוקלייבען איינע, וועלכע זאל מיר געפעלען ווערען אלס פאסענד פיר מיינע פרוי. איך, דער פערדארבענער, מיט אונצעהליגע פערברעכען אויף מיין גע-וויסען געגען אונגליקליכע פרויענצימער, האב געוואלט הייראטהען מיט א שעהנער, רייגער אונד זיטטליכע פרוי. איך האב א סך געזוכט, אונד פיעלע מיידלעך, אונ-שולדיגע קינדער, וועלכע'ס נאמען איך האב אפילו ניט ווערטה געהאט צו

דערמאָהנען, האב איך צוריק געוויעזען, אלס ניט פּאסענד פיר מיר. ענדליך האט פּאסירט וואס איך בין גראדע אונגעריכט אריין געפאלען. עס איז געווען דערבייא א שטיקעל ראָמאנטישע געשיכטע. דיעזע וואס האט מיך געפאנגען, איז געווען דיא טאָכטער פון א פּערארעמטען גוטס־בעזיטצער. דער פאטער איז שוין געווען טויט, אונד דיא מוטער האט געזוכט אלערלייא מיטלען וויא אזוי מיך אריין צו נארען. עס איז איהר ענדליך געלונגען. איך בין איינמאל געפאָהרען שפּאצירען אין א שיפעל אויף׳ן וואסער. דאס איז געווען בייא דער נאכט, ווען דיא לבנה האט ארונטער געוואָרפען א שטראָם מיט זילבערנע שטראַהלען. אונד ווען מיר זיינען אהיים געקומען אונד זיך אוועק געזעטצט, האב איך גאר ניט געקענט גענוג בעוואונדערן איהר שלאַנקע טאַליע, איהר ענג איינגעפּאסטען בוזים אין דעם דזשערזי קלייד, אונד דאמאלס איז מיר איינגעפאלען, אז דאס איז דיעזע, וועלכע פּאסט פאר מיר. עס האט מיר אויסגעזעהן אין יענעם אבענד, אז זיא האט פערשטאנען אלעס וואס איך האב געדענקט אונד געפיהלט. איך האב געטראכט, אז דאס איז דיא ליעבע. אין דער וואהרהייט אבער, איז דאס מעהר ניט געווען וויא דיא דזשערזי אונד דיא צעפּ, וועלכע זיינען אזוי שעהן אריבער געהאנגען איבער איהרע שולטער. עס האט זיך מיר געוואָלט אימער פערבלייבען נעבען איהר.

איך בין אהיים געקומען זעהר בעגייסטערט, אונד בין געווען פאַלשטענדיג איבערצייגט, אז זיא איז דאס פאָלקאָמענסטע פרויענצימער, אונד, דערפאר, נאַטירליך, דארף זיא זיין מיינע. אויף׳ן צווייטען טאג האב איך פערלאנגט איהר האנד צור הייראטה מיט מיר.

איהר קענט זאגען וואס איהר ווילט. דאס אלעס בעווייזט, אז מיר שטעקען אין אזא זומפּף פון ליעגען אונד בעטרוג, אז מיר האבען אפילו אליין אויך קיין צייט ניט נאכצודענקען, אויב דאס וואס מיר טראכטען, נארט ניט אָב אונזערע אייגענע געפיהלע. עס איז געוויס ניט געווען קיין ריינע אונד קלארע איבערלעגונג, זאָנדערן, וייל איך בין שוין געוואָהנט געווען צו שעהנע פרויענצימער פיר מיין ליידענשאפט, האט מיך איהר קערפּער בערוישט. ניט מעהר.

וויא איך האב אייך פריהער געזאגט, האָב איך מיך געהאלטען כלומר׳שט אלס איין אנשטענדיגען מענש, אונד איך האב בעשלאָסען, אז מיין קינפטיגע לעבענס־בעגלייטערין, זאָל עפּעס וויסען איבער מיין פערגאנגענהייט. צו דיעזען צוועק האב איך איהר געגעבען לעזען מיין טאגע־בוך, וואס האט איהר געקענט געבען עפּעס א בעגריף איבער מיין פערדאָרבענהייט. איך קען מיך עראינערן וואס פאר א שרעק אונד פערצווייפלונג עס האט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף איהר געזיכט. איך

האב זיכער געמיינט, אז זיא וועט אָבלאָזען דעם שידוך. אונד, ווירקליך, וואס פאר א גליק דאס וואָלט געווען פאר אונז ביידע!

7.

„איבריגענס וויס איך ניט, פיעללייכט איז עס טאקי אזוי בעסער", האט ער ווייטער געזאגט מיט א זיפץ. „איך, וועניגסטענס האב מיר עהרליך פערדיענט מיינע צרות. אבער ניט דאס בין איך אויסען. איך האב דאָ בלויז געוואָלט בעמערקען, אז אין אזא פאל, זיינען אימטער דיא ארעמע מיידלעך דיא בעטראָגענע. דיא מוטערס וייסען אבער אלעס, איבערהויפט אזעלכע מוטערס, וועלכע האבען גענאָסען דיא ערפאהרונג פון זייערע אייגענע מענער. זייא, דיעזע מוטערס, ווייסען דיא מויזענדער מיטלען וויא אזוי צו פאנגען דיא מענער פיר זייערע טעכטער. זייא בעגרייפען, אז אונזער ליעבע בעשטעהט ניט גראדע אין איינפערשטעהען זיך אין דער ריינהייט פון גייסט, זאָנדערן וויא דיא האאר זיינען געקאמט, וויא אזוי דאס קלייד איז צוגעשניטען אונד וויא דאס ליעגט. מיט איינעם וואָרט, מען זוכט נאָר איבעראל צו ערוועקען דיא קערפערליכע לוסט, אין דערזעלבער צייט מיט ליעגען אונד בעטרוג. ווען דאס אונשולדיגע מעדכען ווייס נאך אפילו פון גאָר ניט, דאַן לערנט זיא אוים איהר מוטער, דאמיט וואס זיא ציהט איהר איין דיא טאַליע, שטעקט ארוים דעם בוזים, לאָזט אריבער הייגגען דיא האאר אונד דעקט אויף איהר שולטער. עס איז נאָר צו אויפצורעגען דיא געפיהלע, אונד ניט מעהר.

דיא פרויען וואס האבען שטודירט בייא דיא מענער, ווייסען גאַנץ גוט וואס עס הייסט ערהאבענהייט. זייא ווייסען, אז דיא מענער קוקען אויף קיין אנדער זאך אזוי פיעל וויא אויף דער שעהנהייט פון דעם קערפער, אונד אלעס וואס קען דיעזען קערפער מאכען פערפיהרעריש. דיעזע פרויען טהון אלזאָ דאס, וואס דיא מענער פערלאנגען אונד בענעטהיגען. ווען מען בליקט צו דיעזע אלע אויפפיהרונגען אונטער דיא הויכע אונד ניעדריגע קלאסען, דאַן מוז מען קומען צום בעשלוס, אז מיר לעבען אין א ריעזיגעם עפענטליכעם הויז. דאס אלע מענשען צוזאמען, בילדען איין גרופע פון אויסגעלאסענע ברואים, מיט דער איינציגער אבזיכט, צו ערפיללען דיא קערפערליכע מיאוס'ע תאוה. שאָקעלט ניט אזוי מיט'ן קאָפּ, מיין חברה, איך וועל דאס אייך בעווייזען. זעהט, צום ביישפיעל, מיט וואס עס בעשעפטיגט זיך דיא פּראָפעסיאָנעלע אויסגעלאסענע אונד מיט וואס עס בעשעפטיגט זיך דיא זאָגענאנטע אנשטענדיגע פרוי. ביידע טראָגען איינערלייא קליידער, פון דעמזעלבען שניט, מיט דערזעלבער מאָדע, דיעזעלבע ציערונג, פּארפום, אונד נאקעטע, אויסגעשניטענע

שולטערן אונד ארמעס. זייא ליעבען גלייך דיא גלאט אויסגעצויגענע אונד געפּאסטע קליידער; זייא האבען דעמזעלבען חשק צו קאָלירטע, גלענצענדע אונד פינקלענדע קאָסטבארע שטיינער. אויך דיזעלבע פערגניגענס: טאנצען, מוזיק אונד געזאנג. איינע וויא דיא אנדערע ציהט אן דעם מאן מיט דיזעלבע חן'דעלעך, אונד עס איז אבסאָלוט קיין אונטערשיעד צווישען זייא ביידע, אויסער וואס איינע קען יעדער קויפען אונד פיר א געוועהנליכען פּרייז, אונד דיא אנדערע איז געשטעלט געוואָרען צוצוטהיילען פערגניגען נאָר איינעם, ווען זיא האט קיין אנדערע געלעגענהייט.

אונד אויף דיעזער ארט, פערשטעהט איהר, האט מיך אויך דיא געפּאסטע דזשערזי צוגעצויגען אונד מיך געפאנגען גענומען אין דער נעטץ, וואוהין במעט אלע מענער פאלען אריין.

8.

מיך צו פאנגען, איז איבערהויפּט ניט שווער געווען. דיא אורזאכע דערפון איז, ווייל איך בין אויפגעצויגען געוואָרען אויף אזא ארט, וואו מען טרייבט דיא יונגע לייטע אויף א געקינסטעלטען אויפן צו דער ליעבע. דיא צופיעלע שפּייז וואס רייצט אויף דאס בלוט, איז דאס בעסטע מיטעל אויפצורעגען אונזער תאוה, איבער־הויפט ווען מען נעהט ארום לעדיג אונד דער קערפּער איז אויסגערוהט מעהר וויא ער בעדאַרף.

מיר לעבען אקוראט וויא דיא בהמות וואס מען האט אוועק געשטעלט זייא זאָלען פעט ווערען. מיר פרעסען, זויפען, טהון ניט א האנד אין קאלט וואסער, אונד דערפאר, ווען א יונגער מאן וויל אפילו אמאל זיך צוריק האלטען, קומט באלד א פייניגענדע אונרוהע, דורך דער אוננאטירליכקייט פון אונזער לעבען. אלע אונזערע ליעבעס אונד חתונות, האבען מייסטענטהיילס צו טהון מיט אונזערע שפּייזען אונד ארט לעבען.

איהר וואונדערט זיך? יא, עס איז פיעל מעהר וואונדער ווארום מיר זעהן ניט דיעזע וואהרהייט. דער בויער, דער שווערער ארבייטער, וועלכער געניעסט גע־וועהנליכעס ברויט, פרוכטען אונד עפּעס פלייש, ניט איבער דער מאאס, דיעזער איז ניט אונטערוואָרפען צו דיעזע געדאנקען, וועלכע ערשיינען בייא דעם לעדיג־געהער אין קאָפּ. דאן, פערגעסט ניט, אז אויסער דיא פיעלע אויפרעגענדע שפּייזען, זיינען נאך בייא אונז דאָ אנדערע פערמיטלער צור אויפרעגונג. מיר קומען זיך אָפט צו־זאמען אין פלוידערענדע געזעלשאפטען, מען רעדט איבער פרויען, מען זאגט א גראָבען וויטץ, מען דערצעהלט א וואוילזגשאפט פון שעגדען א פרוי, פון

בעטרייבען שמוטציגע אויסגעלאסענהייט; מען לעזט אויפרעגענדע אונד רייצענדע ראָמאַנען, ערצעהלונגען, געדיכטע; מען הערט מוזיק, מען געניעסט אויפרעגענדע שפייזען, אונד נאָך טויזענדער אַנדערע זאַכען, וועלכע פיהרען נאָר צום פער־ליעבען זיך.

איך האב מיך אויך פערליעבט וויא אַלע אַנדערע. איך האב געשפּירט אַלעס: בעוואונדערונג, ריהרונג, פּאָעזיע! אין דער וואהרהייט געשפּראָכען אבער, איז מיין ליעבע ניט מעהר געוועזען וויא א רעזולטאַט פון דער קינסטליכע שניידערין, וואס האט אויפגענעהט אזא גוט קלייד, וועלכעס האט ארויס געבראַכט אַלע גליעדער צום פאַרשיין אום מיך אויפצורעגען. ווען מיר וואָלטען ניט געפאָהרען אויף'ן שיפעל, ווען עס וואָלט קיין שניידערין געוועזען אונד מיין פרוי וואָלט ערשיינען בלויז אין אונ־געקינסטעלטע קליידער, דאַן וואָלט איך מיך ניט פערליעבט.

דאס שענדליכסטע איז, וויא דיא עלטערן, וועלכע האבען הייראַטהס־פעהיגע מיידלעך, אויף וועלכער אַרט מען זוכט זייא צו פערהייראַטען. איך זאג ניט חלילה, אז עס איז איין עולה פון דיא עלטערן וואס זייא ווילען זייערע קינדער זאָלען הייראַ־טען, אָדער פון דיא מיידלעך זעלבסט, וואס זייא זוכען א חתן. מיין הויפּט אויפ־מערקזאמקייט ווערט נאָר דאָ צוגעצויגען, וויא אזוי דיא יונגע לייט געהן ארום פון הויז צו הויז אָנקוקען כלות. דיא מוטער פּוצט אוים איהר טאָכטער אונד ווייזט וואס פאַר א סחורה זיא האט. דאס מעדכען וויעדער טראַכט זיך: אָה, נעהמט מיך, ווירקליך, איך בין ניט מיאוס אונד וועל זיין א גוטע פרוי. עקעלהאַפט! אונד מיר מענער האבען נאָך דיא חוצפה, אין דערזעלבער צייט, ארום צו געהען אונד רעדען איבער דיא רעכטע פון דיא פרויען, איבער פרייהייט, איבער דער הויכער בילדונג וואס זייא דאַרפען געניעסען.

„איך פערשטעהע ניט,‟ האב איך מיך אָבגערופען, „וואָלט איהר פיעללייכט געוואָלט, אז פרויען זאָלען געהן זוכען דיא מענער?‟

„איך ווייס ווירקליך ניט. אבער ווען מען רעדט פון גלייכהייט זאָל מען אויך מיינען גלייכהייט. דיא אַרט אונד וויזע וויא א מאַן געהט ארום זוכען א פרוי, איז אבשייליך. ווען עס האנדעלט זיך שוין יא אין זוכען אונד קלייבען, דאַן זאָל מען ניט אויסשטעלען קיין סחורות פאַר'ן מאַן זיך צו קלייבען, זאָנדערן דיא פרוי מיט דעם מאַן זאָלען זיך אבזוכען אויף א גלייכען אופן, אז זיא אונד ער זאָלען זיך בעקענען אונד האבען דיא גלייבע דעות. אָבער ניט אויסשטעלען דיא וואַרע, וויא א קרעמער טהוט אין זיין געשעפט.

זאגט צום ביישפיעל א מוטער אָדער א מעדכען, אז זייא זיינען נאָר בעשעפ־טיגט אריין צו נארען א יונגען מאַן אין זאק אריין. זאָל גאָט אבהיטען! זייא וועלען אייך פערברענען מיט זייערע מיילער! דאס איז אבער נאך אמאל וויא איך האב שוין פריהער געזאגט, שווינדעל אונד בעטרוג איבעראל.

9*

„גלויבט מיר,“ האט ער ווייטער אָנגעפאנגען, „אָט דערפון שטאמט דיא הערשאפט פון דיא פרוי אונד אַזוי מוז ליידען דיא וועלט.“

„וויא?“ האב איך געפרעגט ערשטוינט, „איהר רעדט פון דער פרוי'ס הערשאפט? איהר האט דאָך זייא ערשט בעקלאגט, אז זייא זיינען שקלא־פינען?“

„אָט דאס האב איך טאקי געוואָלט זאגען. דאס ערקלערט אויף דעם גאנצען צושטאנד. וועהרענד דיא פרוי ווערט פון איין זייט ערניעדריגט, איז זיא וויעדער אויף איין אַנדערן אופן דיא הערשערין. דיא פרויען זיינען געוואָרען גלייך מיט דיא אידען. מען האט ביי דיא אידען אַלעס אוועק גענומען אום זייא זאָלען זיך ניט קענען ערנעהרען. דערמיט האט מען זייא ערניעדריגט. נאָר אַזוי וויא זייא מוזען דאָך פיהרען דעם קאמפף צו עקזיסטירען, האבען זייא זיך גענומען צום געלד־האנדעל. מיט דיעזען געלד אָבער, בעהערשען זייא דיא וועלט. דאס איז אויך מיט דיא פרויען. מען ערניעדריגט זייא אונד מען זאגט, אז זייא זיינען צו קיין אנדער זאך פעהיג, אויסער שעהן צו זיין אונד פערשאפען דעם מאַן פערגניגען. זאָ נעהמען זייא דיעזע שעהנהייט אונד פערוואנדלען זיא אין א מאכט, מיט וועלכער זייא הערשען.

מען זאגט דער פרוי אז זיא האט קיין רעכט צו שטימען אין פאָליטישע זאכען, אונד דארף קיין ריכטער ניט זיין. אין דערזעלבער צייט אבער, שטעלט מען זיא אויף דעם גלייכען פוס מיט דעם מאַן, וואס איז נוגע קערפערליכעס פערגניגען. פון דאנען בילדעט זיא אוים אזא קראפט, אז זיא רעכענט זיך העכער אלס דער מאַן, אין דעם וואס זיא ווארפט איהם צו איהרע פיס, ווען ער בעדארף צו איהר האבען.

ווען דיא פרוי וואָלט אבער אין אַלע בעציהונגען געווען גלייך צום מאַן, וואָלט זיא אויך, אין דיעזער בעציהונג, צו איהם געווען גלייך, אונד ניט געהאט דיא איינ־ציגע בעשעפטיגונג צו זוכען אויפצורעגען דעם מאַן, אָדער זיך מיט איהם רייצען

אונד זוכען, אז דיא קערפערליכע בעציהונגען מוזען דורך געוויסע צערעמאָניען דורכ־געמאכט ווערען.

דערפאר וואס דיא פרוי האט נאָר דיזע איינציגע בעשעפטיגונג צו געפעלען דעם מאַן אונד איהם מאכען פערגניגען, פאלט זיא זעהר פיעלע מאל ארונטער צו דער ניעדריגסטער שטופע פון אויסגעלאסענהייט אונד פערדאָרבענהייט. איהר בעשעפטיגונג אום צו געפעללען דיא מענער, גרייכט פיעלע מאל אזוי ווייט, אז זיא ערניעדריגט זיך ביז צום עקעלהאפטעסטען שמוטץ.

וואס קען א פרוי ניט טהון אום צו געפעללען א מאַן? אָה, זיא איז צו אלעמען פעהיג! זיא קען זאָוואס טהון, דאס ווען מיר זיינען ניט בערוישט מיט דער בעסטיאלישער תאוה אונד מיר האבען צייט צו דענקען, דאַן מוזען מיר שוידערן.

10.

אָבער וויא דיא זאך איז, איך בין אריין געפאלען. איך האב געזעהן אין מיין כלה דיא גרעסטע פאָלקאָמענהייט, אונד מיך אליין האב איך בעטראכטעט, אלס דעם פאָלקאָמענסטען מענשען. עס איז ניטאָ קיין שלים־מזל אין דער גאַנצער וועלט, וועלבער זאָל זיך ניט שפירען דום נענוג אונטער אזעלכע אומשטענדען, בייא זיך אויסצוזעהען דער צופריעדענסטער אונד גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. איך בין נאטירליך אויך ניט בעסער געוועזן. איך האב אלזאָ ניט חתונה געהאט פיר געלד, וויא דער שטענער איז מיט פיעלע אנדערע, זאָנדערן פיר ליעבע. איך בין געוועזן רייך, אונד זיא ארעם. דיא ליעבע אליין האט אונז אלזאָ פעראייניגט. וואס פאר א דומ־קאָפּ איך בין געוועזן!

איך בין געוואָרען א חתן. ווען איך עראינער מיך אן דיעזער צייט, שעהם איך מיך פאר מיר אליין. כל־זמן יעמאנד אויסער דער כלה איז נאך געוועזן אין הויז, האב איך געפונען עפּעס איבער וואס צו רעדען. זיינען מיר אָבער נאָר געבליעבען אליין, זיינען מיר געוואָרען שטום. איך האב שוין מיט איהר איינמאל אָבגערעדט איבער דיא איינריכטונגען פון הויז, פון דער צוקונפט אונד אנדערע קלייניגקייטען. ווען איך האב דאך געוואָלט עפּעס פלוידערן, האב איך טאקי ווירקליך ניט מעהר וויא געפלוידערט. אירגענד א ריכטיגער אינהאלט פון איין אינטערעסאנטעם געשפרעך, האט מיר געפעהלט.

מיך מיט איהר איינצופערשטעהען אין אונזער גייסט, אין אונזער לעבען, איז מיר גאָר ניט איינגעפאלען. מיינע אויגען זיינען גאָר געווען אויף איהר געריכטעט

מיט דעם רייץ פון א טהיער, אונד מיינע געדאנקען האבען געוואנדערט צום איינ־ציגען ציעל זיא צו בעזיטצען.

יא, יא, איהר קענט עס גאנץ גוט פערשטעהן, אז עס גיבט קוים איין מאן פון הונדערט, וואס איז ניט געוועזן שוין פריהער פערהייראטעט, זייענדיג א חתן, אונד עס גיבט אויך קוים איינער פון פערציג, וועלכער, זיטצענדיג נעבען זיין כלה, האט ניט אויך אין זינען מיט אויסגעלאסענע געדאנקען, איין אנדערעס פרויענ־צימער.

דיא הייראטה ווערט בעטראכט ניט מעהר וויא א נארישע צערעמאָניע, אום וואס שנעלער צו קענען האבען דיא פרוי נעבען זיך אונד מיט איהר טהון וואס מען וויל. אזוי ווערען אונשולדיגע מיידלעך פערקויפט צו איין אויסגעלאסענעם שופט.

11.

אזוי האבען כמעט אלע חתונה, אונד אזוי האב איך אויך חתונה געהאט.

דיא יונגע לייטע טרוימען אונד פלוידערן פון דיא פליטער־וואָכען, אָדער דיא קורצע צייט נאך דער חתונה, ווען מען בעהויפטעט, אז עס איז דיא שענסטע טעג אין מענשען׳ס לעבען. אָבער דיעזע וואס זאגען עס, זיינען ענטוועדער פאנ־טאסטען, אָדער זייא רעדען איבער זאכען וואס זייא קענען ניט. אויך איך האב געהאט פליטער־וואָכען, אבער איך האב אין זייא ניט געפונען דאס פערגניגען פון וועלכען מען האט מיר דערצעהלט.

דיא שעהנע אויפרעגונגען זיינען ניטאָ. אין געגענטהייל, מען שעהמט זיך, מען איז טרויעריג, עפעס ניעדערגעשלאָגען אונד פערצווייפעלט. נאך דעם וויא מען בער־פריעדיגט דיא שמוטציגע תאוה זעהט אלעס אויס אבגעלעבט, אָבגעדראָשען אונד אונמוטהיג. עס זעהט אוים גראדע וויא א אינגעל וואס פאנגט ערשט אָן צו רויכען אונד אָבוואהל ער שפייט, דער קאָפּ דרעהט זיך איהם אונד פיהלט שלעכט אויף׳ן הארצען, דעננאך דערצעהלט ער אייך, אז דאס איז גוט, אנגענעהם. דיא יונגע פערהייראטעטע מענשען, זיינען אונגעפעהר אויך אויף אזא ארט, אונד זייא מוזען, גלייך מיט דעם אינגעל, אזוי וויט רויכען, ביז עס פערשאפט זייא פער־גניגען.

„איך פערשטעה אייך ניט,“ האב איך איהם אונטערבראָכען. „וואס דערצעהלט איהר דאָ פאר א ווערטער? עס איז דאָך דער נאטירליכער געגוס פון מענשען?“

„נאטירליך?" האט ער געפרעגט שפּאָטיש. „נאטירליך? — ניין, איך בין איבערצייגט גראדע פון דעם געגענטהייל. איך זאג, אז עס איז אוננאטירליך, אונד צו דיעזער איבערצייגונג, בין איך, אויסגעלאסענער אונד פערדאָרבענער, געקומען."

„דאס איז מערקווירדיג," האב איך ווייטער אַנגעווענדט. „ווען מיר זאָלען ניט האבען דיעזע תאוה, וואס איהר בעקעמפפט, וויא אזוי וואָלט אלזאָ געקענט דיא וועלט האבען א קיום?"

„צו וואס דארפען מיר דען האבען א קיום?"

„צו וואס? וויא אזוי דען וואָלטען מיר געקענט עקזיסטירען?"

„וועד זאגט דען, אז מען מוז עקזיסטירען?"

„מיר עקזיסטירען אבער כדי מיר זאָלען עקזיסטירען."

„אָט דאָ ליעגט טאקי דער הונד בעגראָבען. דיא גאַנצע מענשליכע עקזיס־טענץ איז איבריג. דאס העכסטע גליק אין מענשען, האבען נאך דיא אַלטע אינדישע פילאָזאָפען געלערענט, איז דיא נירוואנא, דאס הייסט, דאס ניט־זיין, מען זאָל אויפהערען צו עקזיסטירען. דאס מענשליכע לעבען קען קיינמאל ניט פיהרען דערצו, אז מיר זאָלען ניט דארפען ליידען, אונד כל־זמן מיר קענען קיינמאל דיעזען ציעל ניט עררייכען, צו וואס דארפען מיר זיך פּלאגען אונד נאך ברענגען קינדער אויף דער וועלט, זייא זאָלען זיך פּלאגען? איהר וועט דאך צוגעבען, אז דאס ציעל פון דעם איינציגען מענשען וויא אויך פון דעם כלל, איז צו זיין גליקליך. אָבער אום דיעזעס ציעל צו עררייכען, ליעגט אונז אזאָ שטיין אין וועג, אז מיר מוזען זיך פריהער צו־ברעכען דיא קעפּ, איידער מיר קענען עפּעס דערגרייכען. דיא שמוציגע תאוה שטערט אונז אַלעס. ווען אָבער דאס זאָל אויפהערען, דאס הייסט, מיר זאָלען בע־הערשען דיא תאוה, דאן וואָלטען מיר געקענט עררייכען אונזער ציעל, אונד דאס עקזיסטירען וואָלט שוין מעהר ניט נעטהיג געווען."

12.

„דאס איז א מערקווירדיגע לעהרע," האב איך בעמערקט.

„איך וויים ניט וואס איהר זעהט דאָ פאר א מערקווירדיגעס? דאכט זיך עס איז גאנץ איינפאך אונד פערשטענדליך? אָט זעהט צום ביישפּעל: אַלע רעליגיאָנען זאגען, אז עס וועט אמאל קומען א צייט ווען דיעזער עולם וועט חרוב ווערען, אונד יעטצט קומט דיא וויסענשאפט, אונד זאגט אויך דאסזעלבע. עס איז גאָר מערקווירדיג פאר דעם, וועלכער איז פערזונקען אין דיא מיאוסע תאוות, אונד

עס קומט איהר פאָר עפּעס אונהיימליך, וויא אזוי דאס אלעס זאָל בטל ווערען. ער קען זיך איבערהויפּט ניט פאָרשטעלען, אז דאס לעבען איז ווערטה צו לעבען אָהן תאוה.

דיא געוואָהנהייט צו פערדאָרבענהייט איז שוין אזוי גרויס, אז מען קען גאר עפּעס אַנדערש ניט פערשטעהן אונטער חתונה האבען וויא צו ערפילען דיא תאוה. דעם ריכטיגען ציעל אונד צוועק פון דער נאַטור אום ווייטער צו עקזיסטירען, פער־געסט מען, אונד מען האט בלויז חתונה כדי צו האבען פערגניגען. עס איז פּאָזיטיוו ניט מעהר, דאס פריהער האט דער אונפערהייראַטעטער מאַן עטליכע אָדער א סך פרויען אונד איז איבער זייא ניט אייפערזיכטיג, אונד נאכדעם נעהמט ער זיך איין פרוי וואס זאָל ערפילען זיין תאוה מיט דעם בעדינג, אז זיא איז נאָר פיר איהם אליין. ווען דאס פרומע אונד אַנשטענדיגע פרויענצימער קוקט זיך פּלוצלינג ארום נאך דער חתונה, צו וועלכען צוועק זיא איז געשטעלט געוואָרען, דאן פּראָטעסטירט אין איהר דיא נאַטור. זיא איז אזוי צוגעוואָהנט צו זעהן דאסזעלבע אונטער אנדערע, אז זיא קען איהר פּראָטעסט ניט ארויס רעדען אין ווערטער, אָבער זיא פיהלט איהם דאָך. אבער נאכדעם וויא דיא פערדאָרבענהייט איז אזוי גוט פערברייטעט, פאַנגט זיא אָן זיך איינצוגעוואָהנען דערצו, אונד פערוואַנדעלט עס מיט דער צייט אין פער־גניגען. עס איז דאסזעלבע, וויא איך האב פריהער געזאגט, מיט דעם אינגעל וואס פאַנגט אָן צו רויכען.

עס איז געווען, דאכט מיר, דעם דריטען אָדער פיערטען טאָג נאָך מיין חתונה, ווען איך האב פּלוצלינג בעמערקט, וויא מיין פרוי איז טרויעריג. איך האב זיא געפרעגט איבער דער אורזאכע, זיא אומארמט, געקושט אונד געטהאָן אלעס מעגליכע וואס זיא האט געקענט פון מיר ערוואַרטען. אָבער זיא האט מיך אָבגע־שטויסען אונד אָנגעפאַנגען צו וויינען. פאר וואס זיא האט געוויינט, האט זיא ניט געקענט ערקלערען, אָבער זיא איז דאָך געווען בעזאָרגט אונד בעטריעבט. זיא האט עס געשפּירט אין דער טיעפקייט פון איהר זעעלע, אבער זיא האט עס ניט געקענט ארויס ברענגען אין ווערטער. זיא האט מיר געזאגט תירוצים, אָבער איך האב דער־קענט, אז זייא זיינען ליגען. דערפון, נאַטירליך, האט אָנגעהויבען א קליינע קריע־גערייא אונד מיר זיינען ביידע אין כעס געוואָרען. איך בין געווען וויטהענד אונד אויפגערעגט.

„וויא?“ האב איך בייא מיר אליין געפרעגט. „וויא איז דאס מעגליך זיא זאָל געגען מיר האבען טענות? האב איך ניט געטהאָן אלעס וואס איך בעדאַרף טהון? איך האב זיא געקושט, געהאלזט, אונד אנשטאט ליעבע, געפין איך נאָר האס!

ווארום ? דאס איז אומעגליך ! עס איז מעהר ניט דיעזע פרוי וואס איך האב געקענט !"

ווען איך האב מיך בערוהיגט, האב איך מיך וויטער בעמיהט זיא איבערצייגען, גוט צו מאכען, אָבער וויא איין ארבעס אן וואנדט. איך האב געלעזען מיט מיינע ערפאהרענע מענער-אויגען, האס, פעראכטונג אונד אבשייא אין יעדער פון איהרע מיענעס. עס האט מיר נאטירליך ניט פיעל גענומען צו אורטהיילען, אז מיר ביידע זיינען גאנץ צווייא בעזונדערע מענשען, יעדער מיט א בעזונדערער ליעבע אונד אינטערעסע פיר זיך אליין, אונד דאס איינער ליעבט נאָר דעם צווייטען דאן, ווען ער קען זיין אייגענע צופריעדענהייט בעפריעדיגען. קוים האבען מיר אָבער זיך בעפריעדיגט איינער פון דעם צווייטען, האבען מיר זיך אויף א קורצער אָדער לענגערער צייט ניט בענעטהיגט, אונד פאָלגליך קיין אינטערעסע געהאט מיט אנאנדער אפילו צו פערקעהרען.

עס האט אָבער ניט גערויערט פיעל, אונד מיר האבען זיך איבערגעבעטען. דיא תאוה האט דאס ווידער פעראורזאכט, אונד איך, דומקאָפּ, האב בשעת מעשה נערעבענט, אז מיר זיינען ווידער אזוי גוט אונד פעראייניגט וויא פריהער אין ריינער ליעבע אונד גייסטיגע צופריעדענהייט.

צום ענדע פון דעם ערשטען מאָנאט איז עס אונטערדעספען געקומען צו א גאנץ אנדערע צייט. מיר זיינען זיך איינער דעם צווייטען נמאס געוואָרען אונד א צווייטע צאנקערייא איז ענטשטאנדען. דאס האט מיך שוין געפיהרט אביסעל ערנסטער צו דענקען. איך האב גערעבענט, אז דער ערשטער שטרייט צווישען אונז, איז מעהר ניט געווען קיין צופאל, וויא איך האב מיר איינגעבילדעט. איך האב איינגעזעהן, אז מיר קריעגען זיך דערפאר, ווייל זאָ שנעל וויא דער תאוה-פלאם לעשט זיך אויס, דאן האבען מיר זיך איינפאך פיינד. איך עראינער מיך, אז איך האב מיך אמאל געקריעגט מיט מיין ברודער, פריינד אונד מיין פאטער. אָבער ניט איך אונד ניט זייא האבען דאמאלס געשפירט אזא האס איינער געגען צווייטען וויא איך אונד מיין פרוי.

עס האט ניט פיעל גערויערט, אונד ליעבע איז ווידער געקומען, דאס הייסט תאוה האט פערטרעטען דיעזע שטעלע פון ליעבע. אָבער עס איז געקומען א דריטער שטרייט, א פיערטער אונד אזוי וויטער. איך אונד אויך זיא, האבען זיך לאנגזאם אנגעהויבען דערצו צו געוועהנען. איך האב מיך אפילו געחידוש'ט אויב בייא אנדערע איז אויך דאסזעלבע, אָבער ניט וויסענדיג גאנץ גענוי איין ענטפער דערצו, האב איך פאר אלעמען געזעהן דאס צו פערבאָרגען. דאס הייסט, ווען קיינער איז ניט געווען,

האבען מיר זיך געריסען וויא דיא הינט, אונד ווען יעמאנד איז יא געוועזן דערבייא, האבען מיר געלעבט וויא דיא טויבען. אויף אזא אופן האבען מיר זיך אויסגעלערנט אונז זעלבסט צו בעטריעגען אונד דיא גאנצע וועלט צו נארען.

דאס ניעדערטרעכטיגסטע וואס איך קען מיך ערזינערן איז, דאס מיר האבען קיינמאל ניט געפונען קיין ווערטער זיך איבערצובעטען. נאך דיא ערגסטע בעליידיגונגען, נאך דיא שמוטציגסטע ווערטער וואס מיר האבען איינער דעם צווייטען געזאגט, איז פלוצלינג געקומען א שטומער בליק, א שמייכעלע, א קוש, איין אומ־ארמונג אונד — פע! שמוטציג! איך וויים גאר ניט ווארום איך בין אזוי דום געוועזן, דאס דאמאלס ניט צו זעהען!

13.

בייא אלע מענער אונד בייא אלע פרויען עקזיסטירט א מין עהרפורכט פאר דער ליעבע, אדער, בעססער געזאגט, פאר דעם געפיהל וואס מען רופט ליעבע. דיא נאטור, אין דערזעלבער צייט, האט ניט אומזיסט געגעבען דעם מענשען אין דער ליעבע אויך בושה. אבער דיא מענשען טהון ניט אזוי וויא דיא נאטור וויל אונד וויא דיא זאך ווירקליך איז. מיט מיר איז אויך געוועזן דאסזעלבע; אנשטאט מיך צו שעהמען אונד פיהלען איין עהרפורכט, בין איך גאר געוועזן שטאלץ דארויף וואס איך קען מיין פרוי בעזיטצען צו ערפיללען מיין תאוה. מיך האט גאר ניט בעקימערט דיא גייסטיגע אונד קערפערליכע שמערצען פון מיין פרוי.

איך פלעג מיך נאר וואונדערן דאריבער וויא עס קומט וואס מיין פרוי איז מיט מיר ניט צופריעדען. אבער איהר אונצופריעדענהייט איז מעהר ניט געוועזן וויא א פראטעסט פון מענשליכער נאטור געגען דער טהיערישער. בעססער געזאגט, עס איז געוועזן דער האס וואס צווייא פערברעכער פיהלען איינער געגען צווייטען ווע זייא בעגעהען צוזאמען א פערברעכען. עס איז פאזיטיוו געוועזן א פערברעכען, אונד אונזער מענשליכע אויפפיהרונג, איז געוועזן נאך ערגער אלס דיא טהיערישע, ווייל מיין פרוי איז אין ערשטען מאנאט שוואנגער געווארען, אונד מיר האבען אונזער פערקעהר נאך אימער פארטגעזעטצט. יא, עס איז ערגער וויא טהיעריש, ווייל אפילו בהמות טהון עס אויך ניט.

איהר מיינט פיעללייכט, אז איך נעה ארונטער פון וועג דער ערצעהלונג וויא אזוי איך האב מיין פרוי ערמארדעט? חלילה וחס, איך שילדער אייך נאר געוויסע אורזאכען, וועלכע האבען זיך געשלאסען וויא א קייט אונד געפיהרט צו דעם שרעק־ליכען רעזולטאט. אבער, אין דער וואהרהייט געשפראכען, האב איך מיין פרוי פיעל

פריהער ערמאָרדעט וויא מיר האט זיך גערטאכט ; איך האב דאסזעלבע געטהאָן וויא אלע אנדערע.

שטעלט זיך פאָר, אז אין דער גאנצער וועלט איז איינגעפיהרט, אז דיא פרוי מוז דעם מאָן פערשאפען גענוס (וואהרשיינליך איז עס אויך אומגעקעהרט, נאָר איך רעדט יעצט פון מיר אליין.) ווין, ווייב, אונד געזאנג, זינגען דיא דיכטער. מען טהוט אלעס מעגליכע צו ערוועקען דיא תאוה, אויפרעגען דאס בלוט, ווען עס ליעגט אפילו דערבייא ניט קיין נאטירליכער צוועק. גענוס, גענוס, דאס איז דיא הויפט־זאכע. וואוהין איהר וועט זיך קעהרען אונד ווענדען, קומט איהר צום בעשלוס, אז דיא פרוי איז ניט מעהר וויא א גענוס־מיטעל.

אונד דיא פרוי אליין, ווייס דאס גאנץ גוט. הייסט דאס ניט שקלאפעריא ? וואס איז דען דיא שקלאפעריא ווען ניט דיא אויסניטצונג פון דער ארבייטס־קראפט פון פיעלע פיר איינצעלנע פערזאָנען ? אום דיא שקלאפערייא זאָל אויפהערען, זאָלען עס דיא מענשען בעטראכטען אלס אונרעכט אונד שאנדע, אויסצוניטצען דיא ארבייטס־קראפט פון אנדערע. איהר געפינט אפילו געזעטצע וואס פערביעטען דיא שקלאפערייא, אָבער דער שקלאפען־האנדעל ווערט דאָך בעטריעבען, ווייל מענשען ליעבען, זיך צו בעדיענען מיט ארבייטס־קראפט פון אנדערע.

עס איז דאסזעלבע איבער דער עמאנציפאציאָן פון דיא פרויען. דיא שקלא־פערייא פון דיא פרויען בעשטעהט אין דעם, וואס דיא מענער פערלאנגען קיין אנדערע זאך פון זייא, אויסער זייא צו האבען אלס גענוס־מיטעל. מען דערצעהלט, פלוידערט איבער דיא פרייהייטען פון דער פרוי, אָבער זיא בלייבט דאָך ניט מעהר וויא א מיטעל צו דער מענער־תאוה. מען ערציהט זיא זאָגאר אויף אזא ארט פון קינדוויין אויף. זיא ווערט ערניעדריגט, געבויגען, אונד אריין געבראכט אין א יאָך פון א שקלאפערייא, וואו זיא מוז וויסען, אז זיא לעבט אונד עקזיסטירט ניט אליין אלס מענש, זאָנדערן צום פערגניגען פון דיא מענער. דאס פיהרט וואס דיא פרויען־עמאנציפאציאָן ברייטעט זיך ניט אוים אין אונזערע בילדונגס-אנשטאלטען אָדער בירגערליכע טהעטיגע וועלט, זאָנדערן אין איהר שלאָף־צימער. דיא אויסגעלאסענ־הייט ברייטעט זיך דערפאר ניט נאָר אוים אין דיא עפענטליכע הייזער, זאָנדערן אין אונזער אייגענע פאמיליע. דיא פרוי, וועלכע איז ניט געשטעלט געוואָרען צו ברענגען אזוי פיעלע קינדער אויף דער וועלט וויא דיא נאטור וויל, טהוט אלע מעג־ליכע דיא פרוכט אין איהר לייב צו פערדערבען. דערצו ווערט פערווענדעט דיא קונסט פון א לומפיגען ארצט אָדער אירגענד איין ערפינדונג, ביז דיא פרוי לעבט נאָר אויסדריקליך צו דעם איינציגען צוועק, איהר מאן צו בעפריעדיגען. זיא שטעהט

דאן פיעל ניעדריגער וויא א בהמה, אונד איז גראדע דיזעלבע פראָסטיטוטקע וויא פון דיא עפענטליכע הייזער. מיט דעם איינציגען אונטערשיער, וואס יענע דארף פערשאפען פערגניגען פיר מעהרערע מענער אונד דיזע נאָר פיר איינעם.ביידע האבען מעהר ניט צו טהון מיט דיא געזעטצע דער נאַטור. דערפון ענטשטעהט, אין פיעלע, א גייסטיגע קראנקהייט, נערווען-ליידען אונד דיא שקלאַפין האט מעהר ניט דיא מעגליכקייט צו עררייכען א גייסטיגע אויסבילדונג.

„אונד ווארום איז דאס?" האב איך געפרעגט.

„עס איז גאנץ איינפאך. דער מאן וויל געניעסען אונד וויל ניט וויסען פון דעם נאטירליכען רעזולטאט וואס דאס דארף ברענגען, דאס הייסט, קינדער. מיר שטרייטען אונד ווילען בעקעמפפען דיא נאטור, אָבער דיא נאַטור איז שטארקער אלס מיר. פיר דיא מענער, איז עס דאסזעלבע, עס קען בייא איהם הייסען נאַטיר-ליך, אונד ער בעקימערט זיך ניט, אויב קינדער קומען נאך דעם. אָבער פאר דער פרוי איז עס א גרויסער אונטערשיעד. זיא קעמפפט מיט דער נאטור אונד ווערט פון איהר בעזיעגט. אונד דיא נאַטור שטראַפט זעהר ביטער. ווען דיא מענער זאָלען אָבער וועלען לעבען נאטירליך מאָראליש, דאן וואָלטען זייא געוואוסט, אז מיר האבען נאָר נאכצופאָלגען דיא געזעטצע דער נאַטור."

„לויט וויא איהר זאגט," האב איך מיך אריין געמישט, „דארף א מאן לעבען מיט זיין פרוי נאָר איין מאָל אין צווייא יאָהר, אָדער עטוואס מעהר. דיא צייט פון שוואַנ-גערשאפט אונד זויגען א קינד, דארף אונגעפעהר אזוי פיעל דויערן, אָבער דער מאן קען דאך ניט"...

„אהא! איך ווייס וואס איהר ווילט זאגען, דיא מענער קענען ניט אזוי פיעל ווארטען! דיא אויסגעלאסענע שופטען ברענגען נאך בעווייזע דאריבער, אז דיא ערצטע זאָגען אויך דאסזעלבע. דיא מענער ברויכען אָפט פרויענצימער, אזוי בע-הויפטען זייא. עס איז דאסזעלבע, וויא מען רעדט איין איינעם, אז ער בעדארף שנאַפס, טאבאק, אָפיום אונד ז. וו. דערפון קומט ארויס, אז דיא נאַטור וואס האט אונז געשאפען, ווייסט ניט וואס עס איז נויטהווענדיג, אונד זיא דארף זיך ערשט דאריבער בעראטהען מיט אונזערע דאָקטוירים. עס איז ליגען! דיא דאָק-טוירים זיינען ענטוועדער אליין אויסגעלאסענע שופטען, אָדער גלאט דומקעפ. אלעס איז ניט מעהר וויא א געוואָהנהייט. איינער ווערט אייך זאגען, דאס ער קען פאָזיטיוו ניט לעבען אָהן שנאפס, טאבאק אָדער אָפיום. אין דערזעלבער צייט זעהט אָבער וויא פיעלע אנדערע לעבען אויך אָהן דעם. דורך דיא פערדאָרבענע געוואָהנהייטען אָבער, געהען מיר ארויס מדרך הטבע, אונד דיזע פרוי, וואס דארף זיין אונזער

פריינדין, אונזער לעבענס־בעגלייטערין, ווערט ניט מעהר וויא א שמוטציגעס ווערק־ צייג צו אונזערע פערדאָרבענע געוואָהנהייטען!"

14.

עס איז קיין צווייפעל, אז דער מענש שטעהט ניעדריגער וויא דיא בהמה, ווען ער לעבט ניט אלס מענש. אונד אזעלכער בין איך אויך געוועןּ. דאס ערגסטע דערבייא איז, וואס איך האב נאָך בייא מיר געטראכט, אז איך בין גאנץ מאראליש, דערמיט וואס איך האב ניט געזוכט קיין אנדערע פרויען אויסער מיינער. דאס הייסט, איך האב מיך צופריעדען געשטעלט וואָס איך בעטרייב פערברעכען בלויז מיט מיין אייגענער שקלאפין.

זיא וויעדער, איז געוועזן א פרוי, גלייך מיט אלע פרויען ערצויגען אין איהר שטאנד. מיט דעם גאנצען פראָטעסט אין איהר נאטור געגען דער ארט לעבען וואס זיא האט מיט מיר געפיהרט, איז זיא דאָך געוועזן אבגעריכטעט צור שקלאפערייא פון פערשאפען דעם מאן פערגניגען. דאס היכ'ז אידעאל אלס מענש, האט איהר געפעהלט. אונד זאָלאנג עס וועט זיך אזוי פיהרען, בלייבט אלץ דיא פרוי א שקלאפין. ווען מען בערעכענט וויא אזוי מען ווערט ערצויגען, קען מען זיך גאָר ניט וואונדערן איבער דער פערדאָרבענהייט, אין געגענטהייל, מען דארף זיך נאָר וואונדערן וויא אזוי עס איז ניט נאָך ערגער.

דער קערפער פון דער פרוי ווערט אבגעריכטעט צור שעהנהייט, גראציעזעס־ אויסזעהען, טאנץ, מוזיק, אונד דער גייסט ווערט פערדאָרבען מיט לעזען ווילדע געדיכטע, איבערשפאנטע ראָמאנען, טהעאטער, קאָנצערט, אונד צו דעם אלעמען, לאָזט מען דעם קערפער צו פיעל רוהען אונד מען גיבט איהם ניט זיין געהעריגע ארבייט אונד איבונג. דאן שטאָפט מען איבער דעם קערפער מיט זיסע זאכען, אויפרעגענדע שפייזען, אונד אלעס פיהרט נאָר דערצו צו מאכען פון דער פרוי דאס שמוטציגע ווערקצייג פיר תאוה.

מיר קענען זיך קוים א בעגריף מאכען וואס דיא יונגע מיידלעך ליידען בשעת זייערע קערפערס פאנגען אָן זיך צו ענטוויקלען, אונד וואס פאר א שמערצען זייא ציהען זיך צו שיין נאָך דעם 20־טען יאָהר ווען זייא זיינען נאָך ניט פערהייראטעט. זייער גאנצעס לעבען איז א פאָרבערייטונג צו קאָקעטירען אין דער געגענווארט פון א מאן, אונד וויא אונשולדיג דאס מעדכען זאָל נאָך זיין, מוז זיא דאס פיעל אָדער מעהר בעגרייפען צו וועלכען צוועק דאס פיהרט. אונזערע מיידלעך פון דעם רייכען שטאנד, וועלכע האבען צייט צו פוילענצען אויף זייערע ווייכע בעטען, ווערען

היגנעריסען פון דער ליידענשאפט אונד געבען זיך איבער דער פערדארבענהייט, נאך אידער זייא האבען קענען געלערענט א מאן געבען זיך.

אונד אזוי איז עס מיט אלע, אהן אויסנאהמע, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד וואס איינע האט מעהר געלעגענהייט פערדארבען צו ווערען אונד דיא אנדערע וועניגער. אבער אלע, פערגעסט ניט, שפירען אונד שטודירען צו וועלכען צוועק זייא זיינען בעשטימט.

מיין פרוי, צום ביישפיעל, ניט וויסענדיג פון קיין בעסערער ערציהונג, האט זיא דאסזעלביגע געטהאן מיט מיינע קינדער.

דערבייא ערשיינען נאך דיא ערצטע. דיעזע דומקעפ, וואס ריהמען זיך, אז זייא זיינען שוין דיא קליגסטע, האבען זיך געמאכט א רעגעל צו קעמפפען געגען דער נאטור. ווען מיין פרוי האט געבוירען דאס ערשטע קינד, איז זיא, נאטירליך, פון איהר אוננאטירליכעס לעבען, ניט געווען גאנץ פאסענד צו לעבען וויא מען בעדארף. זיא האט זיך ניט גוט געפיהלט. באלד איז געקומען א דאקטאר, וועלכער האט זיא אויסגעצויגען נאקעט, בעטראכט פון קאפ ביז פיס, אונד פאר דיעזער געמיינהייט, האב איך איהם נאך געמוזט בעצאהלען. דאן האט ער ערקלערט, אז זיא איז ניט אימשטאנדע צו זייגען איהר קינד.

דער שופט! מיין פרוי, א פראדוקט דער נאטור, איז ניט אימשטאנדע צו לעבען נאטירליך! מיין קינד, א צווייטעס פראדוקט דער נאטור, איז ערקלערט געווארען, אז עס דארף ניט לעבען נאטירליך! אזוי האט מען זאפארט בערויבט מיין פרוי פון דער מעגליכקייט זיך אויף א קורצער צייט ניט איבערצוגעבען צו דער קאקעטעריע, אונד זיא האט אנגעפאנגען ווידער אמאל צו שפיעלען דיא פאל־שענדיגע ראלע פון א ווערקצייג צו פערשאפען פערגניגען פיר איהר מאן.

פיר אונזער קינד, האבען מיר ווידער געדונגען איין אמע. דאס הייסט, מיר האבען זיך בעדיענט מיט דער ארמוטה אונד נויט פון איין אונגליקליכער, זיא אוועק גענומען פון איהר אייגענעם קינד, אונד... שרעקליך! מיר האבען אלע צוזאמען געלעבט געגען דעם ווילען פון דער נאטור אונד געגען דעם שכל פון פערנינפטיגע מענשען.

15.

צו דיא אלע צרות איז פערהאנדען איין מכה, וואס זיא איז דיא גרעסטע אונד געפעהרליכסטע פון אלע אונטער אונזערע היינטיגע פערהייראטעטע מענשען. איך מיין דערמיט דיא אייפערזוכט.

דיא מכה אייפערזוכט, וואס איך מיין אז מיין ווייב איז מיר ניט געטרייא, אונד מיין ווייב מיינט, אז איך בין איהר ניט געטרייא, ערשיינט אין פערהייראטעטען לעבען געהיימניספאל אונד פערבלייבט אויך א געהיימניס.

דאכט זיך עס איז גאר ניטא קיין גרונד אייפערזיכטיג צו זיין, אונד דאך דענקט זיך, קלערט זיך, אונד יעדער בליק פון מאן אונד ווייב זיינען פער־דעכטיג.

עס איז נאך א מערקווירדיגע זאך דערבייא, וואס כמעט יעדער מאן אדער פרוי, וואס זיינען אייפערזיכטיג, דענקען, אז נאר בייא זייא אין פאמיליען לעבען איז אזוי, אבער עס איז ניט אמת, איבעראל איז דאס זעלבע, נאר יעדער זעהט בלויז פערדעקען זיין אייגענע צרה.

עס איז אבער אויך קיין חירוש ניט וואס אייפערזוכט עקזיסטירט, אפילו אהן א גרונד. שטעלט זיך פאר, ווען א מאן אונד פרוי, קענען ניט אייסלאזען זייער בעסטיאלישעס פערגניגען אפילו צוליעב דעם, אום זייער קינד זאל געזונד זיין, וואס איז אלזא דא פאר א וואונדער, ווען דיעזע צווייא פערברעכער דענקען איינער איבער דעם צווייטען, אז צוליעב פערגניגען זוכט מען זיך אויף אויך פרעמדע ? איך מיין דא, אז דער מאן מיט דער פרוי, צור צייט פון שוואנגערשאפט און זייגען א קינד, ווילען זייא ניט וויסען, אז דיא נאטור פארדערט ניט קיין צוזאמען זיין. זאנדערן, צוליעב זייער תאוה, שלאגען זייא מיט אלעמען כפרות, אבי זיך נאכצוגעבען. מענשען וואס טרעטען מיט דיא פיס דיא נאטירליכע מאראל, וועלען זיך געוויס ניט צוריק שרעקען פון דער מענשליכער מאראל. דאס, דענק איך, איז דיא הויפט אורזאכע פון דער אייפערזוכט, וואס פליעסט אריין אזוי פיעל גיפט אין לעבענס־בעכער.

אונד וויא שרעקליך דיא אייפערזוכט איז ! איך רעדט שוין ניט פון דער ווירקליכער אייפערזוכט, וויל דאפיר גיבט עס נאך א גרונד, אונד דאן, וויסענדיג פאזיטיוו ווארום מען איז אייפערזיכטיג, קען מען זיך נאך דערפון בעפרייען. אבער דיא רעדע איז, פון דער אונבעגרינדעטער אייפערזוכט. עס איז דיא אונזיכערע, דיא אונבעוואוסטע, דיא פערדעכטיגע אייפערזוכט. מען מיינט, מען קלערט, מען טראכט אונד עס קומט פאר טויזענדערלייא געדאנקען. דיעזע ארט אייפערזוכט, זעהט בייא מיר אוים וויא א צאהן־שמערץ, וועלכער לאזט ניט נאך, ניט בייא טאג אונד ניט בייא נאכט.

שטעלט זיך פאר: א יונגער מאן רעדט מיט מיין פרוי, שמייכעלט צו איהר, זאגט איהר איין אינדירעקטען קאמפלימענט, אונד מיר דאכט זיך, אז ער בעטראכט דערוויל איהר שעהנעם קערפער. מיין בלוט ווערט אויפגעקאכט. וויא האט ער

א רעכט גאר צו דענקען אָדער געלוסטען איבער איהר? זיא ווידער, איז גאנץ צופריעדען פון דער אויפמערקזאמקייט וואס דער יונגער מאן שענקט איהר. אין דער טיעפקייט פון מיין זעעלע שטייגט אויף א האס, א ביטערע פעראכטונג, א וויטהענדער כעס, אָבער איך מוז נאך שווייגען. איך האב קיין רעכט עפּעס צו זאגען. דיא עטיקעטע הייסט מיר בלייבען רוהיג, ווייל אזוי פיהרט זיך דיא וועלט.

דיא וועלט! אך, דיא פערפלוכטע וועלט! מיין פרוי ווידער, וועלכע קען מיך גאנץ גוט, האט גאנץ גוט בעגריפען וואס אין מיר געהט פאָר, אונד זיא נעהמט אן איין אונשולדיגע מיענע, אום מיך צו בערוהיגען. דאס שטעכט מיך נאך מעהר. איך וויים זיא פערשטעלט זיך פאר מיר, וועהרענד אין איהר הערץ, אין איהרע געדאנקען, געהט פאָר עפּעס גאנץ אנדערש וויא איהר געזיכט דריקט אוים.

דיא סצענע שפּיעלט זיך אָב איינמאל, צווייא מאל, מעהרערע מאל, אונד דאן קומט ווידער דיא רייהע צו מיין פרוי. דאס הייסט, איך טהו דאסזעלבע געגען איין אנדערער פרוי, וויא דער יונגער מאן האט געטהאָן געגען מיינער. עס איז דאָך דיא עטיקעטע, אזוי פיהרט זיך דיא וועלט!

דאס געפיהל ווערט פערמישט מיט גאל אונד גיפט. דיא געדאנקען יאָגען אין קאָפּ, דאס בלוט שטייגט אונד שטורמט דורך דיא אדערן, אונד — אך, פערפלוכטע וועלט! מען מוז נאך ארויף צווינגען אויף דיא ליפּען א שמייכעלע מיט א געלעכטער פון צופריעדענהייט.

דער מאן בעטריגט אונד נארט דיא פרוי אונד דיא פרוי טהוט דאסזעלבע געגען איהר מאן. ניין, ניין, עס איז ניט נעטהיג מען זאָל נאך האבען א בענריינדעטען פערדאכט איבער אייפערזוכט, אָבער מען טרייבט איהם דערצו. עס איז דאסזעלבע, ווען מען נעהמט איין אונשולדיגעס מעדכען, וועלכע וויים פון גאָר ניט, אונד מען מאכט זיא לאנגזאם אויפמערקזאם. זיא מערקט זיך, דענקט, טראכט אונד איהרע געדאנקען, וואס האבען פריהער געוואנדערט אין גאנץ אנדערע ריכטונגען, געפינען נייע וועגען מיט אונענטדעקטע ווינקלען.

עס איז נאַטירליך איבריג צו דערצעהלען, אז מיט מיר איז אויך געוועזען דערזעלבער פאל. איך האב ניט נאָר איינמאָל אָבגעגאָסען מיין פרוי מיט דעם גיפט פון אייפערזיכטיגען האסס. עס איז נאך געוועזען דאמאלס, ווען איך האב גאָר קיין אורזאכע געהאט, אָבער דאָך האב איך איהר שוין צוגעשריעבען אזעלכע זאכען,

וואס האבען זיא, בייא מיר אין דיא אויגען, געמאכט פאר דער ניעדריגסטע אונד אויסגעלאסענסטע.

איך מעג מיך שעהמען פיר מיר אליין זיך דערמאָהנענדיג אן אלעמען. עס האט בייא מיר אויסגעזעהן, אז זיא איז אזוי וויא יענע פרינצעסין פון „טויזענד אונד איין נאכט," וועלכע האט צו טהון געהאט מיט א שקלאף. מיט איהר איז אויך דאסזעלבע געוועזן. אויך זיא האט איבער מיר געדענקט דאס ערגסטע אין דער וועלט, ווען איך בין אין דער וואהרהייט געוועזן גאנץ אונשולדיג.

אָבער דיעזע געפיהלע — דיעזע אונבעגרינדעטע אייפערזיכטיגע געפיהלע! זייא האבען געגרייכט ביז צו אונזערע טיעפסטע זעעלען אונד אונז שרקליך געמארטערט. עס איז מערקווירדיג, זיא איז נאך געוועזן אייפערזיכטיגער אלס איך. דאָ איז א ביישפיעל:

עס האט אמאל פאסירט, אז עס איז געוועזן גאנץ שטיל אונטער אונז. מיר זיינען געזעסען, גערעדט אונד דערצעהלט איינער דעם אנדערן פערשיעדענע אונשולדיגע זאכען. פלוצלינג האט זיא עפעס מיט מיר ניט איינגעשטימט, אונד גראדע איבער אזא זאך, פון וועלכער מיר האבען אימער געדענקט גלייך. זיא האט אָנגעהויבען אויפגערעגט צו ווערען, אונד איך, וועלכער האט געוואָלט אויסמיידען כעס אונד רוגז, האב אומגעווענדעט דאס געשפרעך אויף עפעס אנדערש. אָבער זיא האט דערבייא אויך געפונען איין אורזאכע בעז צו ווערען. איך האב דאס ניט געקענט פערשטעהען אונד געפרעגט וואס עס איז מיט איהר געשעהען, ווארום זיא געפינט נאָר פעהלער אין אלעמען וואס איך זאג. דארויף האט זיא ניט באלד געענטפערט. א פינסטערער בליק פון איהרע אויגען אונד א מורמלען, האט מיר אָנגעצייגט, אז דער הונד ליעגט ערגעץ אנדערש בעגראָבען. איך האב אָנגעהויבען נאכצוקלערען אונד ענדליך האב איך דערראטהען, אז דאס מוז עפעס צו טהון האבען מיט דעם שפאציר־גאנג וואס איך האב געמאכט מיט איהר קוזינע. נאטירליך האב איך עס ניט געוואָלט עפענטליך ארויס רעדען וואס איך האב דערראטהען אין קאָפ, ווייל איך האב געוואוסט, אז דאס וועט נאך איהר פערדאכט מעהר בעפעסטיגען. איך האב מיך ניט געמאכט וויסענדיג אונד זיא געפרעגט:

„וואס איז מיט דיר? וואס זוכסטו אלץ בלבולים?"

„גאר ניט." האט זיא געענטפערט, „עס איז גאר ניט מיט מיר, אונד איך זוך ניט קיין בלבולים."

אָט דאָ האט איהר דאס בעסטע ביישפיעל פון דער פאלשקייט וואס מאן אונד ווייב שפיעלען געגען אנאנדער. מיר האבען ביידע געוואוסט איינער דעם אנדערן'ס

גערדאנקען, אָבער מיר האבען ניט געוואגט זייא אַרויס צו רעדען וויא אמת'ע פערטרויטע פריינד, אום זיך צו זאגען דיא וואהרהייט עפענטליך.

דער האס אונד פערדאכט איז ניט נאָר געבליעבען דערזועלבער, זאָנדערן נאָך פערשטערקערט געוואָרען. אונד אלעס, מערקט זיך, איז בלויז געווען פערדאכט; א פערברעכען אין גערדאַנקען, אָבער ניט אין דער ווירקליכקייט.

אָבער וויא אזוי האט מיין פרוי ניט געקענט זיין אין פערדאכט איבער מיר, ווען זיא האט מיך אזוי גוט געקענט? האט זיא דען ניט געוואוסט, אז אום מיין תאוה צו ערפיללען, וועל איך ווענינ קוקען אויף ערלויבטעס אונד אונערלויבטעס? איז זיא דען ניט גענוג איבערצייגט, אז איך בין פערדאָרבען אונד לעב נאָר צוליעב דער תאוה? אונד איך אליין, מיט מיין גאנצער מאָראלישע אויפפיהרונג, בין נאָר געווען איינער פון דיעזע, וואס איז ניט געגאנגען זוכען קיין פרעמדע פרויענצימער, אָבער ווען דיא געלעגענהייט וואָלט זיך מיר אויפגעדרונגען, וואָלט איך געוויס קיין צדיק ניט געבליעבען. דאס האט מיין פרוי גאנץ גוט געוואוסט איבער מיר, אונד זיא האט נעמענט האבען א פערדאכט. אונד איך? איך אנערקען יעצט, אז זיא האט קיין טעות געהאט אין איהר אורטהייל.

אָבער דאסזעלבע האב איך אויך גערענקט איבער איהר. זיא האט דאָך בעגאנגען דיעזעלבע פערברעכען געגען דער נאטור גלייך מיט מיר. איך בין געווען פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז זיא פערלאנגט דעם קערפערליכען גענוס, אָהן איין אנדערן צוועק, בלויז פיר גענוס. איך האב זיא דערצו צוגעוועהנט, אונד דאס בעווייזט אלזאָ, אז מיין אייפערזיכטיגער פערדאכט, האט אויך געהאט זיינע גוטע גרינדע.

זיא איז ניט געווען פרימער אלס איך אונד איך ניט פרימער אלס זיא. ווען איך בין אימשטאנדע צו פערקעהרען מיט אנדערע, פרויענצימער, ווארום זאָל זיא ניט קענען פערקעהרען מיט אנדערע מענער?

וויפיעלע פרויען זיינען פערהאנדען וואס לעבען מיט מענער, אונד טויטען דיא קינדער אין זייערע אייגענע לייבער! איך בין זיכער, אז פיעלע פון דיעזע פרויען, זיינען זיך פריהער צוזאמען געקומען מיט דעם מאַן, פאָזיטיוו אום דעם איינציגען צוועק, פיר קערפערליכען גענוס. זיא האט דאן געטויטעט דעם נאטירליכען רעזולטאט, בלויז צום איינציגען צוועק, אום נאָך אמאל צו קענען פערברעכעריש פערקעהרען מיט איהר מאַן. אונד אזעלבע פרויען זיינען צו אלעמען אימשטאנדע, אבי נאָר זייער תאוה צו ערפיללען. מיין פרוי איז ניט בעסער געווען.

16.

מיר וועלען זיך אומקעהרען צו מיין איינענער טרויעריגער לעבענס־געשיכטע. טראָטץ דעם וואס מיין ווייב האט ניט געוואָלט אונזער פאמיליע זאָל זיך פערגרעסערן, האבען דאָך דיא קינדער זיך שנעל פערמעהרט.

אונד ווען מען האט קינדער, דאן מוז מען זייא דאָך נאַטירליך ערציהען. דאס איז ניט אין גאנצען זעהר לייכט. אונד עס פאסירט אָפט וואס א קינד ווערט קראַנק. אין אַזא פאַל, נאַטירליך, רופט מען באלד דעם דאָקטאָר.

עס איז ניט נאָר אינטערעסאנט דאָ צו שטודירען דיא מוטער־ליעבע, זאָנדערן עס איז אויך זעהר וויכטיג. דיא נאַטור האט זיא געמאַכט פאר א מוטער, אונד איהר גענעבען ליעבע, צערטליכקייט אונד א שטארקען ווילען דיעזע קינדער צו בע־היטען, דערפאר וויל זייא זיינען נאך שוואך. דיא פרוי אָבער אין אונזער שטאנד, מיט איהר גאַנצער מוטער־ליעבע, געפינט זיא זיך אין זעהר א שלעכטער לאגע, דיא קינדער זיינען פיר איהר א זאָרג, א מארטער, א קוועלען אונד איין ערגערניס. גע־בוירען, ערנעהרען, פפלעגען אונד אויפציהען, צו וועלכען זייא זיינען געצוואונגען פון דער נאַטור, ליעגט אויף זייא וויא א שווערער שטיין. זייא וואָלטען געוואָלט האבען קינדער, זיין זייערע מוטערס, זייא ליעבען מוטערליך, אָבער זייא ווילען אין דערזעל־בער צייט ניט געשטערט זיין אונד ציטערן פאר דיא קראַנקהייטען אונד טויט פון דיא קינדער. וואס טהון זייא אָבער דאָך? אָהָ, אונזערע רייכע דאַמען געבען זיך עצות: ווען דאָס קינד קומט טראָטץ איהרע אַנשטרענגונגען דאס ניט צו ברענגען אויף דער וועלט, דאן וועט איהר זיא הערען זאגען: „איך וויל דערפאר מיין קינד ניט זייגען, כדי איך זאָל עס ניט צופיעל ליעבען, וויל טאָמער שטארבט דאס קינד, זאָל עס ניט זיין צו טיעף איינגעוואָרצעלט אין מיין הערצען, אונד איך וועל מיך ניט דארפען אזוי פיעל ערגערן.“

אויף אַזא אופן געפינען זייא איין אַנדערן אויסוועג וויא צו בעזיעגען דיא נאַ־טור. אז א קינד ווערט קראַנק, ווערט גערופען דער דאָקטאָר; דיא אַמע אָדער ערציהערין שטעהט דערבייא. דער דאָקטאָר, וועלכער וויל פערדיענען געלד בייא דיא רייכע הערען, האט מעהר אין זינען זיין וויזיט אַלס דעם פאציענט. ער פער־שרייבט דאָרט זיין מעדיצין, גיבט אָב א בעריכט צו דיא רייכע הערשאפטען, אונד... שרעקליך! אויב דאס קינד איז קראַנק, לעבט, שטארבט, מאַכט עס א קליינעם אונטערשיעד. דאס קינד שפיעלט נאָר בייא אונז א ראָלע אַלס א שעהנעם שפיעלצייג. איז דאס שעהנער, דאן טהוט אונז מעהר באנג נאך דעם שעהנעם

שפיעלצייג, ווען עס ווערט געפאָדערט פון דעם טויט. איז עס אָבער ניט אַזוי שעהן, אָדער גאר פיעללייכט א קאַליקע, דאַן טראַכטען מיר אין הארצען: עס איז קיין גרויסעס אונגליק.

ווירקליך, איך האָב אמאל געזעהען איין ארמע קוה שרעקליך שרייען נאָך איהר קאַלב וואס מען האט פון איהר אוועק גענומען. עס איז קיין צווייפעל, אַז זיא האט מעהר געבענקט נאָך איהר קאַלב, וויא אונזערע דאַמען נאָך א קינד וואס איז געשטאָרבען.

ערגער, יא, פיעל ערגער אַלס דיא שטומע בהמות, זיינען דיא אונגאַטירליכע מענשען!

דיא קינדער-ליעבע, דיא וואהרע קינדער-ליעבע, דאס היילינגסטע געפיהל בייא א מענשען, דאס איז ניטאָ, עס פערשווינדעט. מיר טהון אַלעס מעגליכע אונזער בעסטיאַליטעט ניט צו שטערען.

אין דערזעלבער צייט וויעדער, קומט דיא פערצערטלונג אונטער דיא קינדער. זייא ווערען ערצויגען געגען דער נאַטור, אונד דערפאַר זיינען זייא שוואַך, אונד קע־נען ניט איבערטראָגען קיין צופעלליגע קראַנקהייט אַזוי לייכט.

אַך! דיא פרויען פון דיא אַלטע צייטען, זייא האָבען ניט געוואוסט וואס עס הייסט בעזיעגען דיא נאַטור. דערפאַר זיינען אויך זייערע קינדער אימער געווען געזונד, שטאַרק אונד מונטער. אונד ווען עס האט פאַסירט איין אונגליק, האט דיא פרוי פון אַלטע צייטען, וועלכע האט געליעבט מעהר איהר קינד וויא דיא היינטיגע, געזאָגט מיט העלדישער פאַסונג: „גאָט האט געגעבען, גאָט האט אוועק גענומען — געלויבט איז גאָט דערפאַר!"

זיא האט אָנגעווענדעט אַלעס מעגליכע אום דאס קינד צו ראַטעווען, אָבער ווען אַלעס איז שוין געווען פאַראיבער, האט זיא געזעהן, דאס אָבוואָהל איהר הערץ איז געבראָכען, דאַרף זיא דאָך זיך ניט אָבלאָזען צום שמערץ אונד פערצווייפלונג, ווען דאס קען מעהר ניט העלפען.

דיא בילדונג פון אונזערע פרויען, אין גראַדע אַזוי איבערגעקעהרט וויא זייער גאַנצע ערציהונג. זייא גלויבען ניט אין גאָט, דערפאַר אָבער, גלויבען זייא אין א מכשפה, שפּרעכערין, אונד אין א דאָקטאָר וואָס קומט אין א שעהנער דראָזשקע, אונד לאָזט זיך בעצאָהלען הונדערט רובעל פאַר א וויזיט.

איך האָב דאס אייך בלויז אָבגעשילדערט, כדי איהר זאָלט פערשטעהען, אַז דיא קינדער וואס מיין פרוי האט מיר געבוירען, האָבען אונזער לעבען נאָך גאַר ניט פערבעסערט. איך בין געווען זעהר וועניג פאַטער אונד זיא ניט פיעל מוטער.

אין געגענטהייל, דיא קינדער האבען אונז גאר נאך פיעל געשאדעט, דען זייא זיינען געווען איין אורזאכע צו שטרייט אונד קריעגרייא. מיט דער צייט גאָר, ווען דיא קינדער זיינען אונטערגעוואקסען, האט זיך יעדער פון אונז אבגעקליעבען א ליעבלינג, גלייך וויא עס וואָלט געווען איין אונטערשיעד פון איינעם צום צווייטען. איך, צום ביישפיעל, האב מיר גענומען, וויא געוועהנליך, דאס עלטעסטע קינד, וואסיא'ן, אונד מיין פרוי האט זיך אָבגעקליעבען ליזא'ן. מיט דער צייט איז יעדעס קינד געוואָרען דער טהייל-נעהמער פון דעם וואס האט זייא אָבגעקליעבען. דיא אונשולדיגע קינדער האבען שרעקליך געליטען דאדורך. וואסיא פלעגט זיין דער מוטער'ס געגנער, גלייך מיט מיר, אונד דאסזעלבע איז אויך געווען מיט ליזא'ן. שפעטער האבען זיך דיא ארמע קינדער געביטען. דאס מיידעל איז איבערגעגאנגען צו מיר, אונד וואסיא, דער זוהן, איז איבערגעגאנגען צו דער מוטער.

17.

מיר האבען פריהער געלעבט אויף א גוט, אונד דאן האבען מיר זיך אריין געצויגען אין שטאָדט. ווען דאס וואָלט ניט פאסירט, איז עס מעגליך, אז איך וואָלט מיר אזוי אויסגעלעבט מיינע יאָהרען, אונד נאך אימער געדענקט, אז איך בין א גאנץ אנשטענדיגער מענש, אָדער, וועניגסטענס אזוי אנשטענדיג, וויא אלע אנדערע זיינען. איך האב נאך ביז דאמאלס ניט בעגריפען דעם תהום פון אונגליק אונד שקר, אין וועלכען מיר זיינען אריין געפאלען. איך מוז אָבער מודה זיין, דאס אָבוואָהל איך האב ניט אין גאנצען בעגריפען, האב איך דאָך עפעס געפיהלט, אז ניט אלעס איז ריכטיג.

איך האב געפיהלט, אז איך, אלס מאן, וואָלט בעדארפט הערשען, אָבער אנשטאט דעם, האב איך מיך געזעהן, וויא מען זאגט, גאר אונטער דעם פאנטאָפעל פון מיין ווייב. אָבער וואס מיך האט געטריעבען דערצו, איך זאָל ליעגען אונטער דעם פאנטאָפעל, זיינען געווען דיא קינדער. דאס ביסעל האלב-נאטירליכע ליעבע צו מיינע קינדער, האט מיך צוריק געהאלטען פון מאכען פון אלעמען איין ענדע. אָבער זיא האט דאס אלעס באלד ערפאהרען, אונד זיא האט געוואוסט וויא מיך צו בע-הערשען, מיט דער קראפט פון מיין ליעבע צו דיא קינדער.

ווען מען האט מיידלעך מיט אינגלעך, ציהט מען אימער פאר דיא מיידלעך. וועניגסטענס אזוי רעכען איך איז דער פאל מיט מענשען, וועלכע שפירען דיא פערדאָרבענהייט פון דער וועלט. מיידלעך זיינען ניט אונטערוואָרפען אזוי דער פערדאָרבענהייט וויא דיא אינגלעך. זייא שפיעלען ניט קיין קארטען, רויכען ניט,

אונד האבען ניט אזעלכע שלעכטע חברים; דאָן, אין דעם וואס אנבעטרעפט דער תאוה, זיינען זייא פיעל רייגער אלס דיא אינגלעך. פרויענצימער איבערהויפט, פון קינדווייז אויף, שטעהען זייא העכער אלס דיא מענער אין יעדער בעציהונג פון אנ־שטאנד. איך רעדט דאָ נאטירליך פון אזעלכע, וועלכע מען קען צו שרייבען אנשטאנד.

יעדענפאלס, ווייס דאס פרויענצימער מיט געפיהל, אז זיא שטעהט העכער אלס דער מאן, וועלכער האט זיך גענומען ראס רעכט צו רעגיערען, הערשען אונד פערוואלטען. זיא פיהלט אין איהר טיעפסטער זעעלע, אז ניט נאָר וואס עס וואָלט פאַר איהר געפּאסט צו הערשען, זאָנדערן זיא וואָלט עס אויך געקענט טהון. מיט אונזערע מענער איז אָבער דער פאל אנדערש; זייא שטעלען דיא פרוי פיעל ניעדריגער אלס זיך זעלבסט.

וויא דיא זאך איז, אין דער ליעבע צו מיינע מיידלעך, האט מיין פרוי גע־לערענט, אז זיא האט א רעכט צו שטעהען העכער אלס איך. ווייל זיא איז געוועזן אמאל אזוי אונשולדיג וויא מיינע מיידלעך, אונד איז דאן אויך געוואָרען א מוטער— א מוטער מיט פיעלע פעראנטוואָרטליכקייטען. אָבער וואס מעהר זיא האט זיך ארום געקוקט וואו זיא איז אין דער וועלט, אלץ בעסער האט זיא ארויס גזעהען, וויא ווייט מיר שטעהן איינער פון אנאנדער. דאס הייסט, צום פיערטען יאהר נאך אונזער חתונה, איז זיא געוועזן פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז אונז בייהע פערבינדעט אבסאָלוט קיין גייסטיגע זאך.

עס איז מערקווירדיג, אז מיט גאנץ פרעמדע פערזאָנען, האט יעדער פון אונז בעזונדער, געקענט רעדען איבער גאנץ פערנינפטיגע אונד גייסטיגע געגענשטענדע. צווישען אונז אליין אָבער, האט נאָר עקזיסטירט דער קערפּערליכער גענוס, וועלכער האט אונז געקענט צוזאמען ברענגען. איך בין זיכער, אז ווען ניט דיא תאוה, וואָלטען מיר געקענט זיין ברוגז חדשים־לאנג. אזוי אָבער, האבען מיר זיך באלד איבערגע־בעטען. דיא צייט נאטירליך, האט נאך דיא פארבען פון אונזערע קערפּערליכע בע־ציהונגען, אויך געענדערט. מיר האבען שוין מעהר ניט בעזעסען יענע ערשטע שעהמעדיגע צוזאמענקונפט, זאָנדערן, מיר זיינען געוועזן גראָב, געמיין אונד אונפער־שעהמט. אָבער דאס האט אויך דערווייל געפיהרט צו נאך שרעקליכערע פאָלגען אונטער אונז. דיא אונפערשעהמטהייט האט אונז געמאכט אזוי גלייכגילטיג איינער צו אנאנדער, אונד מאנכע מאָל אזוי זאט איינער פון אנאנדער, אז מיר האבען זיך געהאסט אונד פעראכטעט, וויא א הונד מיט א קאטץ. איך פלעג אין איהר זעהען

דיא גרעסטע פעהלער, דאסזעלבע זיא אין מיר, אונד דאס האט געפיהרט צו בעליידיגונג, קריעגערייא אונד אבשייליכע קללות.

אום מיך צו פערגעסען, אום מיך צו צערשטרייען, האב איך געטרונקען, געשפיעלט קארטען, געגאנגען אויף דער יאגד, געהוליעט אונד געלומפט. איך האב געמיינט, אז איך בין דער איינציגער אונגליקליכסטער מענש אין דער וועלט, אונד נאך ניט געוואוסט, דאס וועניגסטענס 99 פראָצענט דער מענשהייט, לעבען גראָדע אזוי אונגליקליך וויא איך, אונד כמעט בייא יעדען אין הויז, איז אזא גיהנום.

18.

ביז דאמאלס האבען מיר נאך געלעבט אויף מיין גוט, אונד דאַן האב איך מיך מישב געווען אונד זיך אריין געצויגען אין שטאדט. איך ווייס ניט אויב איך האב דערבייא געהאט עפּעס איין אבזיכט, אָבער אזוי איז עס געווען. מיר זיינען געוואָרען שטאדטס-לייט.

מיט דעם שטעדטישען לעבען, איז אויך געקומען דער שטעדטישער לוקסוס. בעלער, אונטערהעלטע, טהעאטער, מוזיק, וויין אונד מאָדעס. דאַן האט אָנגעהויבען מיין ווייב צו קריינקען — וואהרשיינליך אויף נאכצוק:מען דער מאָדע. דיא דאָקטוירים האבען געזאגט, אז זיא טאָר קיין קינדער ניט האבען, אונד זייא האבען איהר געגעבען מיטלען דאפיר. איך האב אנפאנגס פראָטעסטירט, אָבער ענדליך האב איך נאכגעגעבען. עס איז געווען דיא איינציגע צייט דאמאלס, וואס איך האב אביסעל ריכטיג געדענקט. מיר איז פאָרגעקומען, אז ניט האבען קיין קינדער, גיבט מיר קיין רעכט צו לעבען, וייל מיין גאנצע עקזיסטענץ זאָל דאָך זיין וועגען קיום העולם. אָבער איך האב מיך דאמאלס ניט צופיעל געפּלאָגט מיט אזעלכע רעיונות, אונד איך בין באלד געווען צופריעדען צו בעטרייבען מיין בעסטיאַליטעט אָהן א שום אנדערע אורזאכע, אויסער צו ערפיללען מיין תאוה.

אזוי זיינען פאָראיבער צווייא יאהר, אין א לעבען פון רעש, דומהייט אונד גאר ניט. דאס מיטעל פון דיא דאָקטוירים האט באלד געווירקט. אויסער דעם וואס זיא האט קיין קינדער ניט געהאט, האט זיא אָנגעפאנגען פעטער צו ווערען, אונד האט געקריעגען זעהר א שעהנעס געזיכט. זיא איז דאמאלס געווען אונגעפעהר 30 יאָהר אלט, אונד אין איהר געזיכט אונד קערפּער, האט זיך געזעהען עפּעס אויפרעגענדעס, גענוס־זוכענדעס אונד אויפפאָדערונג. בעסער געזאגט, זיא האט אויסגעזעהן וויא א גוט געהאָדעוועטעס יונגעס פערד, וואס איז א לאנגע צייט געשטאנען אָהן א צוים. 99 פּראָצענט פון אונזערע פרויען האבען אויך ניט קיין צוים.

19.

יא, מיין פרוי איז געוואָרען פעט, געזונד אונד שעהן. אין דערזעלבער צייט, האט עס אויסגעזעהען, אז זיא האט פּלוצלינג ערוואכט וויא פון א לאנגיעהריגען חלום, אויפגעמאכט דיא אויגען אונד ערבליקט ארום זיך א וועלט וואו מען דארף לעבען, געניעסען אונד האבען פערגניגען.

„איין מינוט, איין אויגענבליק פערלירען, איז א שאדע." האט זיא זיך גע־טראכט. „ניט אימער איז מען יונג אונד שעהן, אונד וואס מען פערזאמט יעטצט, קעהרט שוין מעהר קיינמאל ניט צוריק."

יא, לעבען אונד האבען פערגניגען האט זיך איהר געוואָלט. זיא האט אויפגע־הערט צו זיין דאס ווערקצייג פון דער נאטור צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, אונד איהר אייגענע נאטור האט זיך אויך געוועקסעלט. ניט מוטער, ניט נאטירליכע פרוי, זאָנדערן א מענש צום געניעסען אלעס בלויז צום פערגניגען אליין, אונד זיך ניט לאָזען שטערען פון דעם, צו וואס מיר זיינען בעשאפען געוואָרען.

זיא האט זיך אָנגעפאנגען ארום צו קוקען אונד פּלוצלינג ערבליקט, אז זיא האט זעהר פיעלעס פערזאמט אונד זיא האט בעשלאָסען דאס אלעס צוריק צו קריעגען, ווען מעגליך. זיא האט, צום ביישפּיעל, איינגעזעהען, אז זיא האט ניט גע־נאָסען דיעזע ליעבע פון וועלכער זיא האט געטראכט אונד געטרוימט אלס מעדכען.

אונטער זאָלכע אומשטענדען האט זיא אָבער ניט פּראָבירט דיעזע ליעבע ביי מיר צו געפינען. איך בין איהר ענטוועדער נמאס געוואָרען, אָדער זיא האט איינגעזעהען, אז איך בעזיטץ ניט דאס וואס זיא וויל אונד פערלאַנגט. דערפאר, פלעג איך זיא זעהען רעדען צו אנדערע מענער, האלב אין שפּאס אונד האלב אין ערנסט, אזעלכע ווערטער, וועלכע האבען, דורך רעכט, צו מיר בעלאַנגט. איך האב געזעהען אין איהרע בליקען פייער, פלאם אונד אויפרעגונג צו אנדערע.

דיא קינדער האבען זיא מעהר גאר ניט אינטערעסירט, אונד עס האט אויס־געזעהען, אז זיא האט געפאסט דעם ענטשלוס, אז זיא דארף ניט לעבען פיר דיא קינדער, זאָנדערן פיר זיך אליין, וועלכעס איז דאס וויכטיגסטע. אָט דאס איז געווען דער אנפאנג פון דעם גאנצען אונגליק.

דאן איז ערשיענען יענער „מענש"!

(ביי דיעזע ווערטער האט ער געברומט וויא איין אויפגערעגטע חיה, אונד פון זיין ברוסט האט זיך ארויס געריסען א זיפץ, וויא פון א שטערבענדען.) (עס

האט אויסגעזעהען, אז עס שמערצט איהם זעהר צו עראינערן יענעם „מענשען,“ אָבער זיין ערצעהלונג האט איהם געצוואונגען דערצו. דאן האט ער פאָרטגע-זעטצט:)

נאך מיינער אנזיכט איז ער געווען איינער פון דיא ניעדריגסטע ברואים. איך זאג עס ניט נאָר דערפאר וויל ער האט מיך רואינירט, זאָנדערן, איך בין איבער-צייגט, אז דאס איז ער ווירקליך געווען, אפילו, ווען ער וואָלט מיך ניט בעריהרט. דערמיט וואס ער האט מיך בעריהרט וויעדער, איז ער וועניגער שולדיג אלס מיין לייבטזיניגע פרוי.

ער איז געווען א מוזיקער. ניין, ער האט געשפּיעלט פיעדעל, פון מוזיק אליין איז ער ניט געווען קיין גרויסער מייסטער. זיין פאטער איז געווען א גוטס-בעזיטצער פון אונזער נאָכבארשאפט. ער האט פערלוירען זיין פערמעגען אונד זיינע זיהן האבען זיך ארום געוואָלגערט. זיין איינגסטער זוהן איז געקומען צו זיינער א קרובה נאך פאריז, אונד אזוי וויא ער האט געהאט חשק צו מוזיק, האט ער דאָרט בעזוכט א קאָנסערוואַטאָריום, אונד איז פון דאָרטען ארויס אלס פיעדלער אונד אָנגעפאנגען צו געבען קאָנצערטען.

איך וויים ניט גענוי וויא אזוי ער האט געלעבט אין פאריז. אזוי פיעל איז מיר בעקאַנט, אז ער איז אין יענעם יאהר געקומען נאך מאָסקווא אונד איז בייא מיר ערשיענען. ער האט געהאט רונדע פייכטע אָדער גלענצענדע אויגען, אימער א שמייכעלע אויף זיינע ליפען. זיינע וואָנצעס זיינען געווען גאַנץ פעסט אויסגעצויגען אונד זיינע האאר געקעמט נאך דער לעטצטער מאָדע. זיין געזיכט איז געווען אָהן געשמאַק, אָבער שעהן אויף אַזא ארט, וואס זאָל מאַכען איין איינדרוק אויף פרויען. ער איז געווען שוואך, אָבער ניט מיאוס געבויט. זיך בענומען אנשטענדיג אין גע-זעלשאפט, אָבער אימער מיט צו פיעל פרייהייט. זיין קליידונג, האלטונג אונד ער-שיינען, זיינען אלע געווען אום נאָר פאָרצושטעלען דעם פאָריזער קאוואַליער.

דאס איז געווען דער מאַן, וועלכער האט מיט זיין מוזיק אלעס פעראורזאַכט. דאס געריכט-הויז האט פערשטאנען, אז אייפערזוכט איז געווען דיא אורזאַכע; אָבער דאס איז ניט געווען אין גאַנצען ריכטיג. אונד דיא ריכטער האבען גע-פסק'ענט, אז איך, דער בעטראָגענער מאַן, האב דערפאר געהרג'עט מיין פרוי, וויייל איך האב בלויז געוואָלט פערטהיידיגען מיין אָנגעגריפענע עהרע (אזוי רופען זייא עס!) אונד דערפאר האט מען מיך בעפרייעט. איך האב מיר ניט דיא מיה געגעבען אלעס צו דערצעהלען פאר דעם געריכט, אָבער דאָרט האט מען זיך עס אזוי ערקלערט. דאס וואס זיא האט אָבער צו טהאן געהאט מיט דעם מוזיקער,

האט אבסאָלוט קיינע בעדייטונג. דאס האט אויך געמענט זיין אויף אירגענד איין ארט. דיעזע בעציהונגען האבען מיך נים נוגע געווען אונד אויך ניט זייא. דער וואהרער גרונד פון דעם גאנצען אונגליק, איז גאר געלעגען אויף איין אנדערן פלאטץ.

אלסדינג איז געשעהען דערפאר, ווייל ער איז ערשיענען גראדע צו יענער צייט אונטער אונזביידע, ווען מיר האבען זיך שרעקליך געהאסט אונד א קריזיס האט בעדארפט איינטרעטען אין אונזער לעבען.

אונזערע צאנקערייען זיינען דאמאלס געווען העפטיגער וויא אימער, אונד שמוטציגער דערפאר, ווייל זייא האבען געהאט איין אָפטערע אבוועקסלונג דורך אונזער טהיערישער ליידענשאפט. איך בין זיכער, דאס ווען ניט דיא אייפערזוכט וואלט גראדע דאמאלס ערשיענען, וואָלט איך געפונען עפעס איין אנדערע אורזאכע וויא אזוי אויסצודריקען מיין האס.

עס איז יענע צייט אין איין אונגעוועהנליכעס פאמיליען־לעבען, וואס א מאן נעהמט זוכען צו דערטרינקען זיין ערביטערונג אין שיכרות, אויסגעלאסענהייט, פער־דארבענהייט, אָדער גאָר זעלבסטמאָרד. איך האב געהאלטען מעהרערע מאָל דער־בייא מיר צו נעהמען מיין לעבען, אונד מיין פרוי האט זיך געוואָלט פער־גיפטען.

20.

אום איהר זאָלט האבען א בעגריף וויא אזוי אזעלכע סצענען פון פערצווייפ־לונג האבען געקענט ענטשטעהען, וועל איך פאר אייך אָבשילדערן א ביי־שפיעל.

מיר זיינען געזעסען אין הויז, יעדער פערטיעפט אין אייגענע געדאנקען, אונד ניט אין זינען האבענדיג דעם צווייטען. פלוצלינג האט זיא אָדער איך עפעס געזאגט. איבער דיא קינדער, איבער דעם הויז, אָדער איבער אירגענד א זאך. ווען איינער האט געזאגט „יא,‟ האט דער אנדערער געמוזט ענטפערן „ניין.‟ ניט דערפאר ווייל עס איז יא אזוי געווען אָדער ניט, זאָנדערן גלאט, ווייל יעדער פון אונז האט גע־שפראָכען מיט שטעך־ווערטלעך, אונד דער אנדערער האט אימער געמוזט זיין דאגעגען.

„דוא פערשטעהסט ניט,‟ פלעג איך אָנפאנגען.

„מעהר פון דיר,‟ איז געווען איהר ענטפער.

„קענסט דיך נאָר פוצען.‟

„איך ווייס, אַז דאָס שמעקט דיך."

„עס שמעקט מיך ניט."

„עס שמעקט דיך יאָ."

„דאַן בין איך אַ ליגנער."

„דוא ביסט אַלסדינג."

בייא אַזאַ אויפטריט האָבען מיר געזוכט זיך צו טרעפען מיט דיא מיאוס׳ע ווערטער, אונד איינער זאָל דעם צווייטען אָנריהרען דאָרט וואו עס שמערצט אַמ־מייסטען. דאַן פלעג איך אויסשרייען:

„שווייג!"

דערבייא פלעגט זיא זיך אויפהויבען אונד וועלען אַרויס לויפען אין קינדער־צימער. איך האָב זיא צוריק געהאַלטען, אום איך זאָל קענען אויסרעדען אַלעס וואָס איך האָב איהר געוואָלט זאָגען.

זיא האַלטענדיג בייא דער האַנד, האָט זיא אָנגעהויבען צו שרייען:

„קינדער! אייער פאָטער שלאָגט מיך!"

„זאָג ניט קיין ליגען!" האָב איך געענטפערט, אונד זיא, אָהנע זיך צו בע־קימערן, האָט ווייטער געזאָגט אום מיך נאָך מעהר צו קריינקען:

„עס איז דאָך ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס דוא לעגסט אויף מיר דיינע גראָבע הענד!"

„שפּיעל ניט קיין קאָמעדיע!" האָב איך געענטפערט.

„בייא דיר איז אַלעס קאָמעדיע," האָט זיא געזאָגט, „וואָס מען טהוט פער־שטעלט מען זיך. הלואי זאָל איך פון דיר פּטור ווערען! פּלאַטצען זאָלסטו!"

איך קען מיך ערינערן, וויא איך האָב מיך דערשראָקען פאַר דיזע ווערטער. מיין קערפּער איז פולל געוואָרען מיט איין איבערנאַטירליכען צאָרן, איך האָב גאָר ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט, אונד זיא איז דערבייא פערשוואונדען געוואָרען.

נאָך אַזאַ סצענע בין איך אַריין אין מיין שטודיר־צימער, מיך אַוועק געזעטצט רויבען. דאַן האָב איך געהערט וויא זיא מאַכט זיך רייזע־פערטיג. איך בין אויפגע־שפּרונגען.

„וואוהין געהסטו?" האָב איך געפרעגט.

זיא האָט געשוויגען.

„דאַן געה צום טייפעל!" האָב איך מיך געטראַכט, אונד בין אַריין צוריק

אין מיין צימער וואו איך האב געוויכט אונד געוויכט איין ציגארעטע נאך דער אנדערער.

טויזענדער פערשיעדענע געדאנקען אונד פלענער האבען דורך געשאסען אין מיין געהירן, ביז איך בין געקומען דערצו מיך פון איהר צו בעפרייען אונר חתונה האבען מיט איין אנדערער, א שעהנע אונד א רוהיגע. וויא אזוי זיך פון איהר צו בעפרייען, האב איך געזעהען צוויא וועגען: דעם ערשטען דורך דעם טויט, אונד דעם צווייטען דורך א גט. אבער דיא געדאנקען זיינען יעדעס מאל פערמישט גע-ווארען, אונד איך קען מיך ערא'נערן, אז איך האב ניט אימער געדענקט דאס, וואס איך האב געוואלט. דאן האב איך ווייטער געוויכט.

אבער דאס לעבען אין הויז געהט דערוויל פארווערטס. דיא גאווערנאנטע ערשיינט אונד פרעגט אויף פראנצויזיש:

„וואו איז דיא מאדאם?" דער דיענער פרעגט אויב מען זאל אויפגעבען טהעע. איך געה אריין אין עסס צימער, זעטץ מיך אוועק, אונד ליזא, אונזער עלטערעס מיידעלע, בליקט צו מיר ערשראקען אונד מיט א פראגע אויף איהרע ליפעלעך. מיין פרוי איז אלץ ניטא. דער גאנצער אבענד געהט אוועק אונד זיא איז ניט צוריק געקומען.

צוויא פערשיעדענע געפיהלע וועקסלען זיך אין מיר: האס, ווייל זיא קוועלט מיך אונד דיא קינדער דורך איהר אבוועזענהייט, אונד מורא, ווייל, לויט וויא איך קען איהר אויפגערעגטען כאראקטער, פיעללייכט וועט זיא זיך גאר נעהמען דאס לעבען

אבער וואו זאל מען זיא זוכען אזוי שפעט ביי נאכט? בייא איהר שוועס-טער? אונד ווען זיא איז דארט ניטא? עס וועט דאך אויסזעהען זעהר דום נאך איהר צו פרעגען. עס ווערט 11, 12 אונד 1 אוהר. איך פרוביר אפילו ניט צו שלאפען. איך וויל שרייבען, לעזען, אבער דיא אויפרעגונג איז שטארקער אונד איך קען גאר ניט טהון.

פארטאג האט דיא נאטור געזיגט אונד איך האב איינגעדרעמעלט. ווען איך האב ערוואכט, איז שוין געווען גרויסער טאג, אבער זיא איז נאך אלץ ניטא. אין הויז איז אימער דאסזעלבע, נאר דיא קינדער בליקען צו מיר מיט א פארוואורף. איך ווער אונרוהיגער, א יפגערעגטער אונד צארן פיללט אוים מיין זעעלע. דאן פער-גרעסערט זיך דער האס אין א שרעקליכער בימערקייט.

אונגעפעהר אום 11 אוהר פארמיטאג, איז ערשיענען איהר שוועסטער, אלס א שליח. זיא הויבט אן מיט דיא געוועהנליכע ווערטער:

„זיא געפינט זיך אין א שרעקליכען צושטאנד!“

„פאר וואס? עס האט דאך מיט איהר גאר ניט פאסירט.“

דאן דערצעהל איך דער שוועסטער, אז מיין פרוי האט א שרעקליכען כא-ראקטער, אונד איך פערזיכער זיא, אז איך האב איהר גאר ניט געטהאן, אונד איך האב דערפאר אויך קיין אורזאכע, ווארום איך זאל זיא געהען איבערבעטען. איך הויב דאן אן צו רעדען פון גט'ן זיך, אבער דיא שוועגערין וויל אזא געשפרעך ניט צו לאזען, אונד דערבייא איז זיא אויך אוועק געגאנגען.

עס איז אמת, איך האב דער שוועגערין ערקלערט, אז איך וויל זיא ניט געהן איבערבעטען. אבער וויא איז זיא ארויס געגאנגען פון הויז אונד איך האב ערבליקט דיא ערשראקענע געזיכטער פון מיינע קינדער, בין איך באלד פערטיג געווען צוריק צו ציהען מייןווארט; אבער איך האב דאך איינמאל געזאגט, אונד אלס עהרענמאן האב איך ניט געקענט ברעכען מיין ווארט. דאן האב איך ווידער גערויכט. ווען מיר זיינען געגאנגען עסען מיטאג, האב איך געטרונקען שנאפס אונד וויין, דאן ווידער שנאפס, ביז איך האב ענדליך ערררייכט דעם פונקט וואס איך האב געזוכט: איך בין בערוישט געווארען אונד מעהר ניט געוואוסט וויא ניעדריג איך בין געזונקען אונד מיין לאגע האט מיך שוין ניט געקענט ערגערן.

אום 3 אוהר נאכמיטאג איז מיין פרוי אהיים געקומען. ווען זיא האט מיך בעגעגענט, האט זיא געשוויעגען. מיינענדיג, אז זיא איז שוין בערוהיגט, האב איך אנגעפאנגען איהר צו ערקלערען, אז ניט איך בין שולדיג, זאנדערן זיא האט מיך ארויס געפאדערט צום גאנצען אויפרוהר.

דער ענטפער דארויף איז געווען, ניט וואס איך האב ערווארטעט. דיא מיענע אויף איהר געזיכט איז געווארען פול מיט האסס אונד ארום איהרע ליפען האט זיך אבגעשפיעגעלט עפעס פעראכטענדעס, וואס האט דורכגעבויערט מיין הערץ.

„איך בין זיך ניט געקומען אויסטענה'ען,“ האט זיא געענטפערט, „איך וויל נאר מיטנעהמען דיא קינדער, ווייל איך קען מיט דיר מעהר ניט לעבען.“

איך האב געוואלט עפעס ענטפערן, נאר איך האב ניט געקענט.

„רעד ניט מעהר,“ האט זיא ווייטער געזאגט. „דוא וועסט עס בעדויערן.“

ענדליך האב איך איהר ווידער געזאגט, אז איך האב פיינד דיא פערשטעל-לונגען מיט דיא קאמעדיען.

פלוצלינג האט זיא ארויסגעלאזען א געשרייא, עפעס געזאגט וואס איך האב ניט פערשטאנען אונד אריין געלאפען אין איהר צימער. איך בין איהר נאכגעלאפען. אבער נאך איידער איך האב געקענט אריבער דיא שוועל, האט זיך דיא טהיר שנעל

צוגעמאַכט, אונד דער שליעסעל פון אינוועניג האט צוגעשלאָסען. איך האב גע־קלאַפּט אין דער טהיר, געררופען, אָבער איך האב קיין ענטפער געקריעגען.

מיין ערבּיטערונג איז געוועזן שוידערהאַפט, אונד אזוי בין איך אוועק פון דער טהיר.

מיט א האלבע שטונדע שפּעטער איז צו מיר אריין געלאָפען ליזא, איהרע אויגעלעך פול מיט טרערען, אונד עפּעס געזאגט וואס איך האב ניט באלד פער־שטאַנען.

„וואס איז ליזא? וואס איז געשעהען?"

„מאַמא הערט זיך גאר ניט!"

איך בין באלד אויפגעשטאַנען אונד מיט איהר געגאַנגען. איך האב מיט אלע מיינע קרעפטען אויפגעריסען דיא טהיר אונד בין אריין אין צימער. איך בין גלייך צוגעגאַנגען צום בעט.

זיא איז דאָרט געלעגען. זיא, מיין פרוי, איז געלעגען אין איהרע קליידער אונד שיך, אונד איז געוועזן בעזינונגס־לאָז. אויף'ן טיש איז געשטאַנען א פלעשעלע מיט אָפּיום. עס איז דאס מיטעל פון וועלכע אונזערע רייכע דאַמען ווייסען אזוי גוט, אום זיך צו וואַרפען אין א בעצוויבערענדער אָהנמאַכט.

איך בליק אויף ליזא'ן, אויף מיין קינד, אונד איהרע טרערען ריהרען מיך. איך בליק דאַן אויף דעם בלאַסען געזיכט פון מיין פרוי — אונד איך האב זיא אָנ־געפאַנגען צו דערמינטערן. דאַן האט זיא געוויינט אונד ענדליך האבען מיר זיך איבערגעבעטען. עס איז ניט גראָדע געוועזן אין גאַנצען איבערגעבעטען, ווייל דיא געפיהלע פון האס אין אונזערע הערצער האבען זיך ניט געקענט בייטען. אָבער פאָרלויפיג האבען מיר געזעצט, זיך ניט אזוי אויסגעמידען, אונד דאס אלטע לעבען האט ווידער אָנגעפאַנגען. יא, דאס אלטע לעבען פון בעטרוג, שווינדעל אונד ניעדערטרעכטיגקייט מיט דעם גאַנצען שמוטץ נאך פיעללייכט פערדאָפּעלט...

אזעלכע קריעגערייען אונד נאך אפשר ערגערע, זיינען פאָרגעקומען זעהר אָפט. איין מאל אין וואָך, איין מאל אין מאָנאט אונד אמאל אלע טאג. אין איין צייט האב איך שוין בעשלאָסען צו ענטלויפען, אָבער איך האב ניט געהאט גענוג מוטה דעם לעטצטען שריט צו מאַכען.

אונטער אזעלכע צושטענדען איז יענער מענש געקומען אין אונזער הויז. ער איז געוועזן א געמיינער שופט — אָבער זיינען מיר דען בעסער?

21.

דיעזער הערר איז געקומען נאך מאָסקווא, זיין נאמען איז געוועזן טרוכאַ-טשעווסקי. אין א פריה-מאָרגען איז ער ערשיענען אין מיין הויז. מיר האבען זיך אמאל אין דער יוגענד גערופען „דוא" איינער דעם צווייטען, אונד ער האט פּרובירט, אין אונזער געשפּרעך דאמאלס צו דער צווייטער בעקאנטשאפט, מיר אמאל צו זאגען „דוא" אונד אמאל „איהר." דאס איז געוועזן אום צו עטאבלירען זיין אלטע בעקאנטשאפט אונד מיך אימער רופען „דוא." אָבער איך האב איהם אנגעשפּראָכען מיט דעם וואָרט „איהר," אונד אזוי איז עס געבליעבען.

ער איז מיר גאָר ניט געפעלען געוואָרען פון דער ערשטער מינוט אן, האב איך אין איהם דערקענט א מיאוס'ן לומפּ, אונד דיא אייפערזוכט האט זיך באלד אין מיר ערוועקט. פערגעסט ניט, אז דאס איז געוועזן, נאך איידער ער האט געזעהן מיין פרוי.

אָבער עס איז געוועזן מערקווירדיג. א וואונדערבאַרע אונד געהיימניספאָלע קראפט האט מיך געטריעבען דערצו איך זאָל איהם ניט דערווייטערן פון מיין הויז. אין נעגענטהייל, איהם נאך מקרב צו זיין. איך האב גאנץ לייכט געקענט אויספיהרען, ער זאָל צו מיר מעהר ניט קומען. איך האב נאָר בעדארפט מיט איהם גאנץ קאלט רעדען אונד איהם ניט פאָרשטעלען מיין פרוי. אויף אזוי פיעל וואָלט ער שוין גע-ווים פערשטאנען, אז איך ווינש איהם ניט אלס קיין גאסט, אונד ער וואָלט געוויס מעהר ניט געקומען. אָבער ניין! איך האב אָנגעהויבען צו רעדען פון זיין פידעל-שפּיעלען. ער האָט מיר אפילו געזאגט, אז ער האט שוין אויפגעגעבען פידעל-שפּיעלען, נאָר איך האב גראדע געהערט, אז ער האט מעהר וויא אימער גע-שפּיעלט.

ער האט זיך דערוייל עראינערט, אז איך האב אויך אמאל געשפּיעלט פידעל, אָבער איך האב געענטפערט, דאס איך האב שוין זייט יאהרען דעם פידעל אין דער האנד ניט גענומען, וועהרענד מיין פרוי אָבער, איז מוזיקאליש אונד שפּיעלט ציעמליך גוט פּיאנאָ.

אויב דאס איז אמת אָדער ניט, אז בייא מענשען גיבט א פאָרגעפיהל פיר שפּעטערע צוטרעפונגען, וויל איך דאריבער יעטצט ניט רעדען. אזוי פיעל ווייס איך אָבער, אונד איך געדענק עס גאנץ גוט, אז איך האב דאמאלס געשפּירט, דאס עטוואס שוידערהאפטעס, פיעל שרעקליכערעס וויא איך האב נאך ביז דאמאלס בייגעוואָהנט, קומט איבער מיין הויז. יא, דאס אלעס האב איך געשפּירט וועט

ארויס קימען פון דער בעקאנטשאפט מיט דיזען מענשען, אונד דאך האב איך ניט געקענט איהם בעהאנדלען אונפריינדליך.

איך האב איהם פארגעשטעלט מיין פרוי. עס איז קיין צווייפעל, אז זיא האט זיך דאריבער געפרייט. אנפאנגס, וואהרשיינליך, בלויז דערפאר, ווייל זיא וועט האבען דיא געלעגענהייט, אז א פידעל־שפיעלער זאל בעגלייטען איהר פיאנא־מוזיק, וועלכעס זיא האט זעהר געליעבט; זיא האט אמאל ספעציעל געדונגען דאפיר א פידעל־שפיעלער פון טהעאטער. אבער וויא זיא האט מיך אנגעקוקט, האט זיא באלד דעררא‌טהען מיין געפיהל. זיא האט אין מיר געלעזען א וועלט מיט אייפערזוכט.

מיט א זעלטענער קונסט פון בעהאלטען דיא געפיהלען, האט זיא באלד פער־ענדערט דעם פרייליכען אויסדרוק פון איהר אייגענעם געזיכט, אונד זיא האט מיך וויעדער אנגעפאנגען צו בעטריגען אונד נארען. איך וויעדער, האב אויך אנגעהויבען צו שפיעלען דיא ראלע פון א בעטריגער, אונד איך האב געלאכט פריינדליך, גראדע וויא איך וואלט געהאט דיא גרעסטע הנאה פון אלעמען.

טרובאטשעווסקי׳ס בליק האב איך גוט שטודירט. ער האט געבליקט אויף מיין פרוי, אונד זיא בעטראכט מיט דערזעלבער מיענע וויא יעדער איינגעלאדענער לומפ, בעוואונדערענדיג איהר ענטוויקעלטען בוזים, איהרע בריימע שולטער, איהר רונדעס אונד שעהנעס געזיכט, אונד איהרע גלענצענדע אויגען.

מיין פרוי האט זיך שטארק בעמיהט צו ערשיינען גלייכגילטיג, אבער זיא האט ניט געקענט פיעל קעמפפען דאגעגען. דער תאוה־בליק פון דעם מוזיקער, האט זיא זויא דורכגעשטאכען. איך האב גאנץ גוט בעמערקט, דאס ווען זייערע בליקע האבען זיך בעגעגנעט, האבען זייערע אויגען וויא אויפגעפלאקערט.

מיר האבען גערעדט פון מוזיק, פון פאריז, פון אלעם אונד פון גאר נימט, דאס הייסט, מיר האבען געפלוידערט, ווייל יעדען׳ס געדאנקען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט עפעס אנדערש: מיינע מיט אייפערזוכט; מיין פרוי׳ס צו שטיקען מיין אייפער־זיכטיגען צארן, אונד טרובאטשעווסקי׳ס מיט מיין פרוי׳ס קערפער.

דאן האט ער זיך אויפגעהויבען, אום אוועק צו געהען. ער האט גענומען דעם הוט אין זיין האנד אונד געשטאנען מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען, ווארטענדיג צו הערען ואס מיר וועלען זאגען.

איך קען מיך ערינער. אן יענעם אויגענבליק, ווייל איך האב דאמאלס גאנץ גוט געקענט אויספיהרען, איהם מעהר ניט איינצולאדען, אונד ער וואלט שוין ניט געקומען. אבער איך האב פריהער געקוקט אויף מיין פרוי אונד דאן צו איהם.

„דענק ניט, אז איך בין איפערזיכטיג,“ האט בעדייטעט מיין בליק צו מיין פרוי. דאן האב איך איהם איינגעלאדען, ער זאָל נאך קומען אין דעמזעלבען אבענד מיט זיין פידעל, אונד ער מיט מיין פרוי וועלען שפיעלען צוזאמען.

זיא האט מיך אָנגעקוקט פערוואונדערט, דאן איז זיא עטוואס רויט געוואָרען אונד אויסגעזעהען מורא צו האבען פאר מיר. זיא האט בעהויפטעט, אז זיא שפיעלט ניט גוט גענוג. דאס האט מיך נאך מעהר אנגעטריעבען, איך זאָל איהם גראדע נאך אמאל ערזוכען ער זאָל קומען, כדי איך זאָל זעהען וואס עס קען זיין.

בליבענדיג צו איהם, בין איך פולל געוואָרען מיט האסס. אלעס אין דעם מענשען האט אין מיר ארויס גערופען פעראכטונג. זיין נאקען, זיין ווייסער האלז, איבער וועלכען עס זיינען אריבער געהאנגען קויל־שווארצע האאר, זיין לייבטער אונד שפרינגענדער גאנג מיט וועלכען ער איז ארויס, האבען מיך אויפגערייצט וויא א טיגער. איך האב מיר געמוזט אליין צו געבען, אז זיין געגענווארט פייניגט מיך, אונד איך האב צו מיר געמורמעלט:

„איך וועל עס אזוי איינריכטען, אז איך זאָל איהם ניט זעהען ווען ער וועט דאָ זיין.“

„איז דאס מעגליך, אז איך האב מורא פאר איהם?“ האב איך מיך אליין געפרעגט. „ניין, איך האב פאר איהם קיין מורא ניט, דאס וואָלט געווען צו ניעדריג פון מיין זייט; איך וואָלט מיך אליין בעדארפט פעראכטען.“

מיט אזעלכע ווערטער אונד געדאנקען האב איך מיך געטרייסט, אונד איהם בעגלייטענדיג אין קאָררידאָר, האב איך איהם נאך אמאל איינגעלאדען צו קומען אבענד מיט דעם פידעל. איך ווייס, אז מיין פרוי האט געהערט מיין שטימע. ער האט מיר פערשפראָכען צו קומען, אונד איז אוועק.

אבענד איז ער ערשיענען מיט דער וויאָלין. אָבער אלעס איז ניט צוגעגאנגען גלאט. ער האט ניט געבראכט דיעזע נאָטען וואס זייא האבען בעדארפט, אונד דיא נאָטען וואס ער האט געהאט, האט מיין פרוי ניט געקענט שפיעלען, אָהנע פריהער איבונג צו מאכען.

איך האב זעהר ליעב געהאט מוזיק. איך האב אלזאָ געגעבען איין עצה וואס פאר א נאָטען זייא זאָלען אויסקלייבען אונד שפיעלען. זייא האבען געשפיעלט עטליכע ליעדער אָהן ווערטער.

דאן א סאָנאטע פון מאָצארט.

ער האט געשפיעלט אויסגעצייכענט. דער טאָן פון דער וויאָלין איז געווען קרעפטיג, אָבער דאך זיס אונד צערטליך.

קיין שווערע זאכען אין שפיעלען זיינען איהם ניט געווען בעקאנט. ער האט אלעס געקענט שפיעלען. איך האב אפט געשטודירט זיין געזיכט, אונד וויא ער האט אנגעפאנגען צו שפיעלען, איז דאס געווארען ערנסט אונד זעהר סימפאטיש.

עס איז קיין צווייפעל, אז ער איז געשטאנען פיעל העכער אין דער מוזיק אלס מיין פרוי. ער האט איהר מעהרערע מאל אויסגעהאלפען, געראטהען, אונד דאך, אויף א העפליכער ארט, געלויבט איהר שפיעלען. מיין פרוי וויעדער האט אויסגעזעהען, זיך צו אינטערעסירען נאר מיט דער מוזיק, אונד איז דערבייא געווען גאנץ נאטירליך ליעבענסווירדיג.

איך האב דעם גאנצען אבענד געשפיעלט קאמעדיע. איך האב מיך פערשטעלט ניט נאר פאר זייא, זאנדערן אויך פאר מיר אליין. איך האב אנגענומען א מיענע, גראדע וויא אלעס וואס געהט פאר, אינטערעסירט מיך אויסעראָרדענטליך. אין אמת'ן אבער, האט דיא אייפערזוכט מעהרערע מאל אנגעכאפט מיין הערץ, וויא מיט אייזערנע צוואנגען, אונד פון איין אנגריף צום צווייטען, האט דער שמערץ ניט נאכגעלאזען.

פון דער ערשטער מינוט אן, וואס ער האט זיך בעגעגענט מיט מיין פרוי, האב איך גאנץ גוט בעמערקט, אז ער האט אין איהר געזעהען א פרויענצימער מיט וועלכער עס וואלט גאר ניט שלעכט געווען זיך גוט בעקאנט צו מאכען, אונד דאבייא אויסניטצען עפעס א געלעגענהייט.

וויא אזוי איך האב דאס דערראטהען, קען איך נאר זאגען, אז עס שטאמט דערפון, וואס איך אליין בין אויך אמאל אזוי געווען, אונד איך האב פערשטאנען צו געבען דעמזעלבען אורטהייל איבער אנדערע. וואלט איך געווען פון אימער איין אנשטענדיגער אונד אונבעפלעקטער מענש אין דיעזער בעציהונג, בין איך זיכער, אז איך וואלט גאר ניט געהאט אזעלכע געדאנקען. אבער איך האב בעטראכט דיא פרוי וויא מייסטענס מיינער טהון עס, דערפאר האב איך איהם פערשטאנען אונד מיך געקוועלט.

עס האט מיך איבערהויפט נאך מעהר געערגערט דאריבער, ווייל איך האב געוואוסט, אז מיין פרוי האט מיך, אין גרונד גענומען, געהאסט, אונד דיעזעס געפיהל איז נאר אונטערבראכען געווארען דורך אונזערע קערפערליכע תאוות.

דיעזער מענש האט וויעדער געוואוסט, אז ער קען מיין פרוי ניט נאר פאנגען, זאנדערן אויך בעזיעגען אונד בעהערשען. ער האט גאנץ גוט פערשטאנען וואס פאר איין איינפלוס זיין שעהנער קערפער קען מאכען, אונד ער האט בעגריפען, אז דורך דעם שפיעלען צוזאמען אונד דורך דעם איינפלוס פון זיין זיסער וויאלין־מוזיק, מוז

ער ווירקליך איבערהויפט אויף מיין פרוי, וועלכע איז געוועזן פון איין אויפרעגענדער נאטור.

יא, אונד איך האב דאס אויך געוואוסט. איהר קענט זיך מערקען מיינע שרעקליכע ליידען.

איך האב אונגעהייער געליטען פון דער אייפערזוכט. אבער א געהיימניספאלע מאכט, גענגען מיין ווילען, האט מיך געטריעבען דערצו איך זאל שווייגען. איך בין צו איהם ניט נאר געווען העפליך, זאנדערן אויך פריינדליך.

אויב איך האב עס געטהאן צוליעב מיין פרוי אום איהר צו צייגען, אז איך בין ניט אייפערזיכטיג, אדער צוליעב מיר אליין, כדי מיך אבצונארען, וויים איך יעטצט ניט גענוי. דאס איז בייא מיר פעסט געשטעלט, אז איך בין ניט אימשטאנדע געווען איהם ארויס צו צייגען וויא ווייט איך האס אונד פעראכטע איהם. ווען איך וואלט איהם ווירקליך געקענט ארויס צייגען מיינע געפיהלע, דאן האב איך איהם בעדארפט דורכבויערן מיט מיין קינזשאל.

ווען מיר זיינען געגאנגען צו טיש, האב איך איהם נאך אליין דערלאנגט וויין, געשפראכען זעהר בעגייסטערט פון זיין שפיעלען, מיך מיט איהם אונטערהאלטען אונד זעהר געלאכט פון זיינעם א וויטץ, אונד דאן האב איך איהם איינגעלאדען, ער זאל קומען נעבסטען זונטאג צו מיטאג אונד עפעס שפיעלען. איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל נאך איינלאדען איינינע בעקאנטע, זייא זאלען קומען אונד איהם הערען שפיעלען.

מיט א פאאר טעג שפעטער, בשעת איך בין אהיים געקומען מיט מיינעם א בעקאנטען, איז מיר פלוצלינג שטארק שווער געווארען אויף'ן הארצען. איך האב עס מיר אליין ניט געקענט ערקלערען פון וואנען עס קומט. אלס איך בין דורך געגאנגען דעם קארידאר, האב איך מיך אן עטוואס דערמאהנט. ווען איך בין אריין אין מיין צימער, האב איך מיך ניט געקענט צוריק האלטען, אונד זיך ענטשולדיגענדיג בייא מיין פריינד, בין איך ארויס געגאנגען נאכצוזעהען, אויב מיין פערדאכט איז ריכטיג.

יא, איך האב קיין טעות ניט געהאט. זיין אויבער־ראק איז דארט געהאנגען, דאס בלוט איז אין מיר באלד אויפגעקאכט געווארען.

וואס טהוט ער דא? ווער האט איהם גערופען? קומט ער שוין אליין, אהן מיין איינלאדונג?

אלע דיעזע פראגען האבען געפונען פערשיעדענע אנטווארטען אין מיינע גע־דאנקען.

איך בין אריין אין פראָנט-צימער, דאָרט האב איך געטראָפען מיין ליזאַ'ן זיטצענדיג איבער א בוך. דאס קינדער-מעדכען האט זיך געשפּיעלט מיט דיא קלענערע קינדער. פון דעם זאלאָן זיינען געקומען מוזיק־טענער פון דער פּיאַנאָ

דאַן האב איך געהערט זיין שטימע. מיין פרוי האט געענטפערט, אונד ער האט ווידער געזאגט גאַנץ דייטליך:

„אָבער, ניין, ניין!" אונד נאך עפּעס. עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט געוואָלט אריבער שרייען איהרע פּיאַנאָ-טענער.

גאָט אין הימעל! עס איז געווען א שרעקליכער מארטער. ווילד, שטירמיש אונד ברויזענד האט אין מיר געקאָכט דאס אויפגערעגטע בלוט. נאך ביז צום היינטיגען טאג שרעק איך מיך פאר יענע געדאנקען.

מיין הערץ איז פּלוצלינג געבליעבען שטעהן; זיך צוזאמענגעפּרעסט, אונד דאַן ווידער אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען וויא מיט א האמער.

דאס שטאַרקסטע געפיהל, וואס בעגלייטעט אימער א מענשען נאך א פירכ־טערליכען צאָרן, איז געווען מיטלייד מיט מיר זעלבסט.

איך האב געוואָלט וויינען.

„זיא בעליידיגט מיך," האב איך געמורמעלט, „פאר מיינע קינדער אונד פאר מיין דיענערשאפט."

איך האב געוואָלט געהען, נאָר איך האב ניט געקענט. איך האב אליין ניט געוואוסט וואס אָנצופאַנגען. דאס קינדער־מעדכען האט מיך אָנגעקוקט מיט א בליק, גלייך וויא זיא וואָלט מיך פערשטאַנען.

„יא, איך מוז אריין געהען," האב איך מיר געטראַכט. אונד דערבייא האב איך געעפענט דיא טיהר, אָהנע צו וויסען וואס איך טהו.

ער איז געזעסען נעבען פּיאַנאָ, מיט זיינע לאַנגע אונד ווייסע פינגער אויף דיא קלאַפּערס, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט זיך נאָר וואס דאָרט אוועק געזעטצט, אום צו צייגען מיין פרוי דיא טענער. זיא איז געשטאַנען נעבען איהם מיט א געעפענטעס נאָטען־בוך. זיא האט מיך בעמערקט, אָדער, וואהר־שיינליך פריהער געזעהען קומען, אונד זיא האט מיך אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען. אויב זיא האט זיך דערשראָקען אונד אזוי קונסטפאָל צוריק געהאַלטען דיא שרעק, אָדער מיין אונערוואַרטעטעס ערשיינען האט איבער איהר קיין איינדרוק גע־מאַכט, קען איך יעטצט נענוי ניט וויסען. איך האב געזעהען, אז זיא איז רויט געוואָרען, אָבער ניט באַלד, זאָנדערן ערשט שפּעטער.

„וויא דאס פרייט מיך טאַקי, וואס דוא ביסט געקומען,“ האט זיא געזאָגט מיט איין אונפערשעהמטער מיענע, פערשטעהענדיג גאַנץ גוט דעם אונרוהיגען אויסדרוק אויף מיין געזיכט. „מיר האבען בעשלאָסען עפּעס אנדערש צו שפּיעלען, ניט דאס וואס מיר האבען געשפּיעלט לעטצטען זונטאג.“

דאס וואָרט „מיר,“ מיינענדיג זיך אונד איהם, האט מיך געשטאָכען וויא מיט מעסערס. זייא זיינען שוין אַזוֹי געווען א פּאאר מחותנים, וועלכעס איך האב ניט געוואָלט דערלאָזען.

איך האב וויעדער אנגעפאַנגען מיך צו פּערשטעללען, אונד איהם בעגריסט. וואס דען האב איך געקענט טהון? עס איז דאָך אַזוי דיא מאָדע!

וואס איך האב געפיהלט, האב איך ניט בעדאַרפט אַרויס ציינען, ווייל איך האב דאָך קיין אורזאַכע געהאט. דאָן, פערשטעהט איהר, האב איך אלץ געוואָלט וויזען, אַז איך בין ניט אייפערזיכטיג, אָבוואָהל דיא אייפערזוכט האט געריסען שטיקער פון מיין הארץ.

ער האט זיך באַלד אויפגעהויבען, מיר געגעבען דיא האנד, אונד האט אָנגעפאַנגען מיר צו ערקלערען דיא מוזיק-שטיק וואס ער האט געבראַכט. ער האט דערבייא געשמייכעלט, אונד איך בין זיכער, אַז מיינע ערפאַהרענע אויגען האבען אין זיין שמייכעלע ענטדעקט שפּאָט. אלס ענטשולדיגונג פון זיין ערשיינען, האט עס געהייסען, אַז ער איז געקומען בלויז צוליעב דעם, אום זייא זאלען קענען זיך איינפערשטעהען אין דער מוזיק וואס זייא זאָלען שפּיעלען נעכסטען זונטאג, אונד אַזוי האט ער געבליקט צו מיין פרוי, אונד זיא האט צוגעשטימט מיט א בליק.

דאַכט זיך אַלעס איז געווען אַזוי נאַטירליך אונד איינפאַך, אַז איך האב אבסאָלוט קיין אורזאַכע געהאט מיך אויפצורעגען. אָבער דאָך בין איך געווען אין מיר איבערצייגט, אַז זייא זאָגען ביידע ליגען, אונד זייא האבען זיך פעראייניגט אום מיך צו בעטריגען אונד נארען.

דיא מענער פון אונזער גראד, זיינען אַלע אייפערזיכטיג. זייא האבען טויזענדער אורזאַכען, אָדער זייא זוכען טויזענדער אורזאַכען, אום אייפערזיכטיג צו זיין. דער אַנגריף פון אייפערזוכט, איז עפּעס וויא א שום דורך'ן קערפּער אונד הארץ, בלויז מיט דער אויסנאַהמע פון דעם שמערץ. דאס רייסט, אמאל טהוט עס מעהר וועה, אונד אמאל וועניגער. דער שמערצליכסטער אַנגריף פון אייפערזוכט אויף דעם מאַן איז, ווען ער זעהט זיין פרוי מיט דעם מאַן אויף וועלכען ער איז אייפערזיכטיג, אין אַזאַ צוזאַמענקונפט, וואו זייא מוזען זיך בעריהרען. איך רעכען אונטער דעם

דיא בעריהרונג אויף בעללער, דיא בעריהרונג פון דעם ארצט (אין נאמען דער קונסט!) אונד דיא בעריהרונג בייא דער מוזיק.

אין אזעלכע פעלע קען מען דאך פערשטעהן, אז עס איז אונמעגליך זיך אויס־צומיידען. אין 99 פעללע קען אויף דיא בעריהרונג קיין אונאנשטענדיגע בעדייטונג האבען. אבער שכל אונד לאגיק פערשווינדען בייא איין אייפערזיכטיגען מאן. אזא צוזאמענקונפט בזיערט איהם דורך וויא מיט גיפטיגע פיילען.

פון דער אנדערער זייט ווידער, איז דיעזע אייפערזוכט גאנץ גוט בעגרינדעט. אין מייסטען פעלע, וואו עס האט געפיהרט, אז א מאן אדער א פרוי זאל ברעכען דיא הייראטהס־טרייהייט, איז דאס נאר געוועזן דורך מוזיק.

דיא מוזיק! דיעזע זיסע געטטין וואס פיללט אויס אונזער זעעלע מיט הימ־לישעם פערגניגען, ווערט אויך אריין געשלעפט אלס א ווערקצייג פיר אונזערע תאוות. עס ווערען פערפאסט אונד געשפיעלט אויפרעגענדע טענער, איינדרינגענדע, אויפריהרישע אונד בלוט אויפקאכענדע סאנאטען, ביז מיר פערגעסען אין דער ריינ־הייט אונד געבען זיך איבער דעם שמוטץ.

אבער זיך צוריק קעהרענדיג צו מיין בעגעגנונג, האט עס אויסגעזעהען, אז זייא זיינען זעהר אונרוהיג געווארען. דאס איז געוועזן דערפאר, ווייל איך בין א היבשע צייט געשטאנען וויא א גולם אונד גאר ניט געוואוסט, אדער גאר ניט געקענט רעדען. איך בין געוועזן גראדע וויא איין איבערגעקעהרטע פלאש, וועלכע, דערפאר וואס זיא איז צו פול, קען פון איהר גאר ניט ארויס רינען. איך האב איהם געוואלט זידלען, בעליידיגען, ארויס ווארפען אונד שלאגען, אבער איך האב גאר ניט געקענט טהון; אין געגענטהייל, דיא עטיקעטע — דיעזע אונפערשעהמטע פראסטיטוטקע! — איז ערשיענען פאר מיינע געדאנקען, אונד מיר געמאכט פארווירפע דערפאר וואס איך האב זייא געשטערט.

איך האב געקעמפפט שווער מיט מיר אליין, אונד זיך בערוהיגט. דאס הייסט, איך האב בערוהיגט מיין געזיכט אונד מיין האלטונג. אבער דיא אייפערזוכט האט אין מיר געברענט וויא א העלישעס פייער.

ער איז אונטערדעסען נאך געבליעבען אזוי לאנג, וויא עס איז נעטהיג געוועזן, אום אבצושוואכען דעם איינדרוק פון מיין אויפגערעגטעס ערשיינען. דאן האט ער פערלאזען דאס הויז, אונגעפעהר מיט אזא בעשלוס, אז ער וועט מארגען נאך אמאל קומען אום מיט מיין פרוי עפעס איינצושטודירען. איך האב איהם בעגלייטעט מיט העפליכקייט ביז צום קארידאר, אונד איך האב הערצליך געדריקט זיין ווייכע אונד ווייסע האנד.

וואס דען האב איך געקענט טהון ? יא, דיא עטיקעטע האט מיר געהייסען, אז דער מאן וואס איז ערשיענגען צו רויבען מיין גליק, צערשטערען מיין רוה, שענדען מיין נאמען אונד רואינירען מיין פאמיליע — דיעזען מוז איך בעגלייטען, דריקען זיין האנד אונד זיין פריינדליך !

פוי ! א מיאוס'ע וועלט !

22.

דעם גאנצען טאג אבער, האב איך ניט געשפראכען מיט מיין פרוי, טראָטץ דעם וואס מאדאם עטיקעטע האט מיר איינגערעדט אין אויער, אז איך האב קיין רעכט, אז איך האב קיין אורזאכע, האבען דאך מיינע אינערע געפיהלע מיך בעזיעגט. דער מוטה האט מיר געפעהלט זיך ווייטער צו פערשטעללען.

זיא ווידער האט געפונען אויסריידען זיך צו מיר צו דערנעהנטערן. אבער א בליק אויף איהר, האט אין מיר ארויס גערופען אזא האס, אז איך האב מיך פאר מיר אליין דערשראָקען.

ווען מיר זיינען געגאנגען עסען, האט זיא מיך געפרעגט, אין דער געגענוואַרט פון דיא קינדער, ווען איך וועל ווידער פאָהרען, ווייל זיא האט געוואוסט, אז געשעפטען רופען מיך אוועק. איך האב איהר דארויף געענטפערט. דאן האט זיא מיך געפרעגט, אויב איך בעדארף ניט עפּעס אויף דער רייזע. דארויף האב איך שוין ניט געענטפערט, זאנדערן איך בין געזעסען שטילל, קיין וואָרט גערעדט אונד אזוי האב איך צוריק געקעהרט אין מיין צימער.

אין דער לעטצטער צייט האט זיא אויסגעמיעדען מיין צימער, איבערהויפּט אבענד. פּלוצלינג האב איך געהערט איהרע טריט. אין מיר איז ענטשטאנדען דער שמוטציגער אונד שרעקליכער געדאנק, אז מיין פרוי קומט דערפאר צו מיר אונגע־ריכט, ווייל איהרע זינד מיט דעם מוזיקער טרייבט זיא אין מיין געגענוואַרט, אום מיט איהר העסליכע ליעבע צו מיר צו פערבאָרגען איהר פערברעכען.

איך האב געשוידערט. איך האב געשפּירט דיא טראָפּענס שוויים ארויס זעטצען אויף מיין שטערן, אונד דאן ארונטער קאַפּען אויף מיינע קליידער. איך האב ארויס געצווינגען מיין טאשענטוך אונד מיך אבגעווישט.

„קומט זיך ווירקליך?“ האב איך מיך געפרעגט. „ווען דאס איז דער פאלל, דאן איז מיין פערדאכט ריכטיג“...

דער האסס האט אין מיר געשטיעגען מיט יעדען אויגענבליק. איך האב גע־שפּירט וויא עפּעס שטיקט מיך אין האלז. עס האט אויסגעזעהען, אז דיא קופּט

פערשווינדעט פון ארום מיר. דאן בין איך געבליעבען וויא אָהנמעכטיג. קיין גליעד אונד קיין אָדער האט זיך אין מיר געריהרט, בלויז איהרע שריט האבען זיך אַלץ געהערט נעהנטער אונד נעהנטער. איך האב געטראכט, אז זיא געהט נאָר פארבייא נעבען מיין טיהר צום זאלאָן. אָבער מיין טיהר האט זיך געעפענט, אונד פאר מיר איז ערשיענען דיא גראציעזע, אונד הויבע געשטאלט פון מיין פרוי. אויף איהר געזיכט איז געלעגען א מיענע פון ערשראָקענער נאכפאָרשונג, וועלכעס זיא האט זעהר געוואָלט פערבאָרגען, אָבער איך האב דאס גאַנץ גוט געזעהען אונד אויך געוואוסט דיא אורזאכע.

איך האב געמיינט, אז איך ווער דערשטיקט, אזוי האט זיך אין מיר אנגע־זאמעלט דער אטהעם. ענדליך האב איך ארויס געלאָזען א גרויסען אונד לאַנגען זיפץ, אויסגעשטרעקט מיין האנד אויף'ן טיש, גענומען א ציגארעטע מיט איין האנד, אונד מיט דער אַנדערער זיא אָנגעצונדען.

„וואס איז דאס?“ האט זיא געפרעגט. „אזוי וויא איך בין נאָר אריין געקומען, האסטו שוין אָנגעפאנגען צו רויכען?“

זיא האט זיך אוועק געזעטצט נעבען מיר אויף דער סאָפע אונד אנגעלעהנט איהר קאָפּ אן מיין שולטער. איך האב מיך אָבגעווענדעט, אום זיך מיט איהר ניט צו בעריהרען.

„איך זעה,“ האט זיא אָנגעפאנגען, „אז דוא ביסט אונצופריעדען דערמיט, דאס איך זאָל שפּיעלען נעבסטען זונטאג?“

„געוויס ניט!“ האב איך שנעל געענטפערט.

„מיינסטו, אז איך פערשטעה ניט?“

„דאן גראטוליר איך דיך וואס דוא פערשטעהסט. עס איז שוין ווירקליך צייט געוועזן. דיר איז אָבער ליעב יעדע געמיינהייט, וועלכע איך האסס אונד פעראכטע.“

„ווען דוא פאַנגסט אן צו זידלען, דאן געה איך מיר אוועק.“

„געה! געה! קענסט געהען וואוהין דוא ווילסט! זאָלסט אָבער וויסען, אז ווען דיא עהרע פון דער פאמיליע איז בייא דיר ניט טהייער, דאן וויל איך מעהר דיין פנים ניט זעהען — געה דיר צום טייפעל! — אָבער, מערק דיר, דיא עהרע פון דער פאמיליע“...

„וואס איז? וואס!“

„געה! האב איך דיר געזאגט. געה! אום גאָטעס ווילען, געה אוועק פון דאנען, איך זאָל דיך ניט זעהען!“

אָבער זיא איז ניט געגאנגען. זיא איז געבליעבען. האט זיא געוואָלט שפּיעלען דיא ראָלע גלייך וויא זיא פערשטעהט מיך ניט וואס איך מיין, אָדער האט זיא מיך ווירקליך ניט פערשטאנען? דאס קען איך גענוי ניט וויסען. זיא האט יעדענפאלס פאָרגעשטעלט דיא אונשולדיגע בעליידיגטע.

„איך קען שוין פון דיר ניט אויסהאלטען, דוא ביסט אונערטרעגליך," האט זיא געזאגט, אָדער נאך עטוואס שרעקליכעס, אום מיך צו ערגערן. „נאכדעם וויא דוא האסט דיך געקענט אזוי בענעהמען נעגען מיר ווען מיין שוועסטער איז דערבייא געווען, דאַן וואונדערט מיך שוין ניט איבער קיין זאַך."

זיא האט מיך דאָ דערמאָהנט אן א פאלל, ווען איך האב זיא בעליידיגט אין דער געגענוואַרט פון איהר שוועסטער, אונד זיא האט געוואוסט, אז דאס האט מיך נאכהער זעהר געערגערט.

„יא," האב איך מיר געטראַכט, „זיא בעליידיגט, בעשמוטצט אונד קריינקט מיך ביז צו טויט, אונד צום סוף האלט זיא מיך נאך פאר דעם שולדיגען."

מיין צאָרן האט געשטיעגען נאך מעהר וויא פריהער. צום ערשטען מאל, זייט איך בין געווען פערהייראטהעט, האב איך געפיהלט דעם וואונש, אויסצודריקען דיעזען צאָרן אין טהאטען. איך בין אויפגעשפּרונגען, גלייך וויא א שלאנג וואָלט מיך געביסען. אָבער אין דעמזעלבען אויגענבליק האב איך מיך דערמאָהנט וואו איך בין אין דער וועלט, אונד מיך געפרעגט:

„איז דאס רעכט, אז איך זאָל מיך לאָזען הינרייסען פון מיין צאָרן?"

„יא, עס איז גאנץ רעכט," האב איך מיר געענטפערט, „דאס וועט זיא וועניגסטענס דערשרעקען." איך האב אָבגעלאָזען מיין וואוטה וויא דעם דאמפּף פון א מאשין, אונד איך האב מיך נאך געפרייט דאריבער, וואס איך קען ווערען אזוי אויפגערעגט.

„געה ארויס פון דאנען!" האב איך געדונערט, „אָדער איך ערמאָרדע דיך!" איך האב זיא אָנגענומען בייא איהר האנד, אָבער זיא איז דאָך געבליעבען. דאן האב איך זיא פעסט געפּאקט, אומגעדרעהט אונד איהר געגעבען א העפטיגען שטויס.

„וואס איז מיט דיר?" האט זיא געפרעגט דערשראָקען בליקענדיג אין מיינעווילדע אויגען. „ביסטו משוגע געוואָרען?"

„ארויס!" האב איך געשריען נאך שטארקער, „דוא מאכסט מיך משוגע מיט דיין געגענוואַרט! געה! זאג איך דיר, געה! אָדער איך בין ניט פעראנטוואָרטליך פאר מיר!"

איך האב מיך אבגעלאָזען צום שגען פון מיין ווילדער אויפרעגונג. איך האב געוואָלט עפּעס טהון, וואס איך האב נאך ניט בעגאנגען זייט איך האב מיט איהר חתונה געהאט, דאמיט, וויא איך האב שוין פריהער בעשלאָסען, זיא איבערצושרעקען.

דאס זיינען דיא מענער, כמעט אלע — זייא ווילען ניט זייערע פרויען זאָלען פאר זייא האבען רעספּעקט, זאָנדערן מורא; ציטערן פאר זייא וויא דיא ניעדריגע שקלאפין פאר איהר הערין.

עס איז אין מיר ענטשטאנדען א וואונש זיא צו שלאגען, אונד שלאגען אזוי לאנג, ביז זיא זאָל שטארבען אונטער מיינע הענד. דאמאלס איז אין מיר ענטשטאנדען א געדאנק, אז איך דארף דאס ניט טהון. ניט דערפאר ווייל איך וועל דערמיט טויטען דיעזע וואס האט מיר אנפערטרויעט איהר עהרע, יוגענד אונד לעבען, זאָנדערן ווייל איך אליין וואָלט דערפאר געהאט א שווארצען סוף.

איך בין צוגעלאָפען צום טיש, געכאפּט א שווערען געגענשטאנד פון מיין שרייב־טיש, וואס האט געדיענט אלס שווער־געוויכט אויף מיינע פּאפּירען, אונד דאס געשליידערט נעבען איהר אויף דער ערד. דאן האב איך געכאפּט א לייכטער אונד איהם געשמיסען נעבען איהרע פיס, אונד צום שלום האב איך דאסזעלבע געטהאן מיט א באראָמעטער וואס איך האב ארונטער געריסען פון דער וואנד.

„נעה!“ האב איך געשריען מיט פערטרוקענטע ליפּען אונד א הייזעריגער שטימע, „נעה! שטעה מיר ניט פאר דיא אויגען, ווייל איך בין מעהר ניט פערענטוואָרטליך פאר מיינע טהאטען!“

איך קען מיך גאנץ גוט עראינערן אן יענעם בליק וואס זיא האט מיר צוגעוואָרפען. ער איז געווען מיט אזוי פיעל האס אונד פעראכטונג, אז איך שוידער נאך יעטצט מיך דערמאָהנענדיג אן איהם.

אונד, ווירקליך, וואס דען האט געקענט ליגען אין יענעם בליק ווען ניט האס אונד פעראכטונג? עס איז ניט נעטהיג צו וויסען דיא אורזאכע וואס האט זיא געפיהרט אין מיין צימער. זיא איז יעדענפאלס געקומען, אונד צערטליכקייט פון מיין זייט, וואָלט געוויס געענדערט דעם שמוטציגסטען בעשלוס, ווען זיא וואָלט אפילו אזעלכען געהאט.

זיא האט מיר געגעבען יענעם שרעקליכען בליק, אונד איז ארויס פון צימער. מיין וואוטה אונד אויפרעגונג, האבען זיך באלד אבגעקיהלט. איך בין געוואָרען רוהיג, נאר מיין הערץ איז מיר געווען טרויעריג. איך האב אליין ניט געוואוסט

וואס צו טהון. פון איין זייט האט מיך געפרייט דער סקאנדאל, אונד פון דער אנדערער זייט האב איך חרטה געהאט.

„וואס וויל איך האבען פון איהר?" האב איך מיר געטראכט. מיינע פער־פלאָנטערטע געדאנקען האבען מיר געזאגט: „א מצוה אויף איהר, זיא האט עס עהרליך פערדיענט; זיא וויים גאנץ גוט, אז מיך קריינקט איהר אויפפיהרונג, אונד זיא דארף עס ניט טהון." דאן האט זיך מיר ווידער געדאכט: „האב איך איהם דען ניט אליין אריין געבראכט אין הויז? האב איך ניט מיט איהם גע־שפּראָכען וויא מיט איין אלטען פריינד? איז זיא ניט מיין פרוי אונד דיא מוטער פון קינדער, וועלכעס איז דער בעסטער שוטץ געגען פרעמדע מענער? וואס איז פאר איין אונטערשיעד אויב ער שטודירט מיט איהר מוזיק, אדער א פידלער פון טהעאטער האט בעגלייטעט איהר פיאנאָ־שפּיעלען?"

אָבער איך בין ניט אימשטאַנדע געווען צו ענטשיידען צווישען רעכט אונד אונרעכט. אייפערזוכט, איבערהויפּט, האט וועניג צו טהון מיט לאָגיק. מיין בלוט האט געקאָכט אין מיר, אָהנע איך זאָל נאכקלערען אויב דאס איז ריכטיג אָדער ניט.

מיט א שטונדע שפּעטער, האט דאס קינדער־מעדכען מיר געמעלדעט, אז מיין פרוי האט נעקריגען איין אנפאלל פון היסטעריקע.

פראָסטע, איינפאכע ארביטס־פרויען, וויסען ניט פון דיעזער קראנקהייט. זיא עקזיסטירט אָבער אזוי אָפט אונטער אונזערע רייכע אונד וואָהלהאבענדע דאמען, גראדע וויא הונגער אונטער דיא קבצנים. איך האב ניט פיעל געטראכט אונד בין באלד צו איהר אריין געגאנגען. זיא איז געלעגען אויף'ן בעט, געוויינט, געבליפעט, געלאכט אונד געציטערט. אונד האט ניט געקענט ארוים רעדען א וואָרט. עס האט אויסגעזעהען, אז איהרע אויגען ווילען ארוים שפּרינגען פון קאָפּ.

ניין, זיא האט זיך ניט פערשטעלט, ווענינסטענס ניט דיעזעס מאל. זיא האט ווירקליך געליטען; דיא היסטעריקע האט זיא ערגריפען.

האב איך מיט איהר געהאט מיטלייד? איך קען ניט גענוי בעשטימען, אָבער איין זאך וויים איך, אז איך האב געפיהלט, דאס מיין אויפרעגונג האט גע־ווירקט, אז איך בין דער הערשער, אונד איך האב געשפּירט א שטיקעל פליכט צו לינדערן איהר שמערץ.

איך האב באלד געשיקט נאך א דאָקטאָר, דיעזער האט עפּעס געגעבען צו בערוהיגען איהרע נערווען, אונד איך האב געוואכט נעבען איהר בעט דיא גאנצע

נאכט. איך האב צייט געהאט, וועהרענד איהרע ליידען, מעהרערע מאל צו בע־ טראכטען איהרע שעהנע גליעדער, איהר גראציעזען קערפער, אונד, מיט דיא גע־ פיהלען פון א בעסטיע האט מיר באנג געטהאן אזא גוטעס אונד ניטצליכעס ווערקצייג צו פערלירען...

ארום פארטאג איז זיא רוהיג געוואָרען, אונד מיר האבען זיך איבערגעבעטען. עס איז נאטירליך איבריג צו דערצעהלען, אז דיעזעס איבערבעטען איז ווידער גע־ קומען אויף גרונד פון אונזער אלט-בעקאנטע „ליעבע."

מיר האבען דאן גערעדט, געשפראָכען, אונד אין מיינער אונפערשעהמטהייט, האב איך איהר מודה געווען אז איך בין אייפערזיכטיג אויף טרוכאטשעווסקי'ן. צו מיין ערשטוינונג, האט דאס זיא גאר ניט איבערראשט. זיא האט געלאַכט, אונד מיר האט עס אויסגעזעהען, אז אין דיעזען געלעכטער ליעגט אונגעפעהר דיא מיינונג: „שעהנע פערליעבעניש! האב איך שוין ניט געפונען קיין בעסערן תכשיט?"

„זאג מיר נאַר, איך בעט דיך," האט זיא אָנגעפאנגען. „ביסטו ניט א גרויסער נאר? מיט וואס קען אזא מין מענש געפעלען איין אנשטענדיגער פרוי, אויסער מיט זיין שפּיעלען? אָבער ווען דוא זעהסט אין זיין ערשיינען בייא אונז אין הויז עפּעס וואס ערגערט דיך, זאָל עס מיר בלייבען דיא לעטצטע דאגה וואס ער וועט אהער מעהר ניט קומען. עס וועט מיך ניט קימערן, ווען ער וועט דאָ ניט זיין אפילו נעכסטען זונטאג, ווען מיר וועלען דאָ האבען ספּעציעל איינגעלאדענע געסט. שרייב איהם, אַז איך בין קראנק, אונד דערמיט איז צו אלעמען א סוף. איין זאך קימערט מיך בלויז, וואס פרעמדע קענען איבער מיר דענקען, אז אזא חברה־מאן קען מיר געפעהרליך זיין, אונד דאפיר בין איך צו שטאָלץ מען זאָל דאס אפילו מיינען."

זיא האט געשפּראָכען וואס זיא האט געמיינט. זיא האט געגלויבט אין יעדעס וואָרט וואס זיא האט אַרויס געבראכט פון איהר מויל. זיא האט גערעכענט, אז זיא וועט זיך קענען איינרעדען געגען איהם א פעראכטונג. אָבער אין דעם האט זיא געהאט א טעות. אלסדינג איז געווען נעגען איהר ענטשלוס. ערשטענס מיין אויפ־ מערקזאמקייט מיט דער אייפערזוכט, אונד צווייטענס זיין מוזיק.

איך ווידער, האב נאך אזא לעטצטע סצענע, ניט געהאט דעם מוטה צו פאָלגען איהר ראטה אונד איהם שרייבען אזא מין בריעף, וואס זאָל איהם אויף אימער דערווייטערן פון הויז. זונטאג האבען זיך פערזאמעלט דיא געסט אין אונזער הויז אונד מען האט געשפּיעלט.

23.

זונטאג בין איך געוואָרען א גאנץ אנדערער מענש, גלייך וויא עס וואָלט נאר ניט געשעהען. איך אליין האב מיך בעשעפטיגט פאָרצובערייטען דיא שפייזען אונד געטרענקע, גראַדע וויא עס פאסט פיר א מוזיקאלישען אבענד. איך האב אליין אלעס איינגעקויפט אונד איינגעלאַדען דיא געסט. אום 6 אוהר האט זיך יעדער פערזאמעלט.

„ער" איז ערשיענען אין א פראק אונד דיאמאנטען האבען ארונטער געגלאנצט פון זיין ברוסט אונד זיינע שעהנע פינגער. ער האט אויסגעזעהען א הערליכער מאַן, פאַסענד פיר דער גרעסטער געזעלשאפט. ער האט אלעס געטהאָן קאוואליער־מעסיג; צו יעדען געשפראָכען שעהן, אנגענעהם, אונד פאר אלעמען געהאט אימער א צושטימענדעס שמייכעלע, גראדע וויא ער איז אויך פון דער זעלבער מיינונג וואס יענער האט אויסגעשפראָכען. אלסדינג וויעדער, וואס מען האט אין איהם ניט בעדארפט ריהמען, דאס הייסט, זיינע חסרונות, האב איך נאך ארויס געזעהן מעהר וויא זיינע מעלות. אונד דאס האט מיך זעהר געפרייט, דען איך האב גאנץ גוט איינגעזעהען, אז ער שטעהט פיעל ניעדריגער אלס מיין פרוי. איך בין צופריעדען גע־ווען אין מיר זעלבסט מיט איהרע ווערטער, וואס זיא האט מיר געזאגט, אז זיא איז צו שטאָלץ דאריבער זאָגאר צו געבען יעמאנדען דיא געלעגענהייט, מען זאָל עפעס מיינען, אז זיא האט אירגענד וועלבע ניעדריגע געדאנקען צו דיעזען מענשען.

עס האט אָבער ניט פיעל געדויערט, אונד מיין אונרוהע איז וויעדער ענט־שטאנדען. איך האב איינגעזעהען, אז איך וויל מיך אליין טרייסטען אונד מיר איינרעדען פיעל מעהר וויא איך דענק אין דער וואהרהייט.

אָבער דיא עטיקעטע! איך האב געמוזט זיין מונטער, פריינדליך, אונד אויך איהם האב איך געמוזט זאגען שמייכעל־ווערטער. וויא דאס האט מיך געשטאָכען, ווייסט נאָר איין גאָט דעם אמת, אָבער איך האב געמוזט! ניט ווילענדיג האבען מיינע אויגען זייא אויפגעפאסט וועהרענד דער גאנצער צייט פון זיצען ביים טיש, אונד דאָן האט מען אָנגעפאנגען צו שפיעלען.

ער האט ארויס גענומען זיין וויאָלין, אונד מיין פרוי, וועלבע איז צוגעגאנגען צו דער פיאַנאָ, האט אָנגעפאנגען צו בלעטערן דיא נאָטען. יאָ, איך געדענק יעדע איינצעלהייט פון יענעם אבענד! איך ערינער מיך וויא ער האט געעפענט זיין וויאָלין־שאבטעל, דיא וויאָלין איז געווען צוגעדעקט מיט א געשטריקטען דעקעל פון א

דאמענהאנד; דאן האט ער אויפגעהויבען דיא וויאָלין, אנגעפאנגען צו פראָבירען דעם טאָן פון דיא סטרונעס. איך געדענק, וויא מיין פרוי האט זיך שטארק בעמיהט צו זיין קאלטבלוטיג, אונד איך עראינער מיך גאנץ גוט וויא איך האב אין איהר בעמערקט א לייכטעס ציטערן. איהרע פינגער האבען בעריהרט דיא קלאַפּען פון דער פיאנאָ; זיא האט ארויס געבראכט א טאָן, אום ער זאָל קענען אָבשטימען זיין אינסטרומענט. דאן האבען זייא געוועקסעלט א בליק, וועלכער האט געקענט הייסען „אָנפאנגען," אונד אויך עפּעס אנדערש, וואס האט מיך אויפגעקאָכט מיט אייפערזוכט.

זייא האבען זיך אומגעקוקט צו דיא געסט, ער האט זיך געזעטצט, אונד זייא האבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען.

„זייא האבען געשפּיעלט דיא קרייצער־סאָנאטע פון בעטהאָפּען. קענט איהר דעם ערשטען אנשלאג פון דיעזער מוזיק? איז אייך בעקאנט דיא קרייצער סאָנאטע?"

פּאָזדנישעוו האט מיך אָנגעקוקט ווילד אונד אויפגערעגט בייא דיעזע פראגען. דאן איז ער שטילל געבליעבען א לענגערע צייט, אונד פּלוצלינג, וויא ער־וואכענדיג פון א מארטערענדען חלום, האט ער געזאגט:

„עס ליעגט עטוואס שרעקליכעס אין דיעזער קרייצער סאָנאטע פון בעטהאָפּען! איך מיין דעם ערשטען טהייל. איבערהויפּט — עס ליעגט עפּעס שרעקליכעס אין דער מוזיק! וואס איז דיא מוזיק? איך ווייס ניט. וואס וויל זיא? וויא אזוי ווירקט זיא אונד אויף וועלכער ארט מאכט זיא דעם איינדרוק? עס הייסט, אז דיא מוזיק ווירקט אויף אונזער זעעלע, אונד הויבט אויף אין זיסע, פאנטאסטישע וועלטען. וויא אזוי זאָל איך אייך דיעזעס געפיהל פאָרשטעלען? דיא מוזיק ווירקט וואס מיר פערגעסען זיך אן זיך זעלבסט, אונד מיר שפּירען זיך זאנפט אם הערצען, געהויבען, געטראגען אונד שוועבענדיג אזוי וויא איבער דיא וואָלקען. אונטער דעם איינדרוק פון מוזיק דאכט זיך אונז אז מיר פיהלען עפּעס וויא מיר פיהלען זאָנסט ניט אין אלטעגליכען לעבען; אז מיר פערשטעהען זאכען, וואס זיינען אונז זאָנסט אונפערשטענדליך; אז עס איז אונז מעגליך, וואס עס איז אייגענטליך אונמעגליך. דיא מוזיק ווירקט וויא דאס געגעצען אונד לאכען: אפילו ווען מיר זיינען ניט שלעפעריג, ווילט זיך אונז דאָך גענעצען, ווען מיר זעהן אנדערע גענעצען, אונד ווען מיר זעהן אנדערע לאכען, לאכען מיר אויך, אפילו ווען עס איז גאָר ניטאָ פון וואס צו לאכען.

דיא מוזיק ברענגט אונז אין דעמזעלבען זעעלען־צושטאנד, אין וועלכען דער־יעניגער איז געווען, וועלכער האט זיא פערפאסט. אונזערע זעעלען שמעלצען זיך צוזאמען, אונד שוועבען, פליהען אונד דריקען זיך אין א זיסער פעראייניגונג.

אָבער וואס דאס איז, וויים איך ניט. דער פערפאסער — לאָמיר נעהמען בעטהאָפען, וועלכער האט פערפאסט דיא מוזיק פון דער קרייצער־סאָנאטע — האט געוואוסט דעם זעעלען־צושטאנד וואס האט איהם געפיהרט דיא מוזיק אויפצו־שרייבען. דיעזער צושטאנד האט איהם געטריעבען אזא מוזיק ארוים צו ברענגען; פיר איהם האט דיא קרייצער סאָנאטע געהאט א געוויסע בעדייטונג. פיר אונז האט עס קיינע בעדייטונג; מיר וויסען בלויז, אז מיר פיהלען אונהיימליכע, אונגעוועהנליכע, מערקווירדיגע אויפרעגונגען אין אונזערע זעעלען.

ווען מען שפּיעלט צום ביישפּיעל א קריעגס־מארש, דאן געהען דיא סאָלדאטען נאך דעם טאקט פון דיא טענער, אונד דער מארש האט זיין צוועק ערפילט. שפּיעלט מען וויעדער א טאנץ אונד מען טאנצט, דאן האט דיא מוזיק אויך איהר צוועק ערפילט. ווען דיא מוזיק האט אָבער ניט קיין שייכות מיט א געוויסער האנדלונג, דאן ווירקט זיא בלויז אויפצורעגען, אונד גיבט אונזערע געפיהלע קיין איינציגע מעגליכקייט צו געפינען א בעשטימטען צוועק. אונד דערפאר ווירקט דיא מוזיק אמאל אזוי שרעקליך אונד פירכטערליך.

אין כינא בעלאנגט דיא מוזיק צו דער רעגיערונג. זיא בעשטימט וואס מען זאָל שפּיעלען אונד וויא אזוי מען זאָל שפּיעלען. איך בעטראכט דאס פאר פאָל־קאָמען רעכט. קיינער האט קיין רעכט ניט צו היפּנאָטיזירען יעמאנדען אונד מיט איהם טהון וואס ער וויל. איבערהויפּט, וויא דארף מען אזא היפּנאָטיסט ערלויבען צו טהון וואס ער וויל, ווען ער איז איין אונמאָראלישער מענש? בייא אונז אָבער, ליעגט דיעזעס שרעקליכע מיטעל פרייא בייא יעדען אין דיא הענד.

דיא מוזיק האט דיא קראפט אונז צו היפּנאָטיזירען, אונד דער מוזיקאלישער־היפּנאָטיסט, קען טהון מיט אונזערע געפיהלע וואס ער וויל. ער מעג אונז טרייבען צו אירגענד איין אויפרעגונג, אונד מיר, וויא איך האב שוין פריהער געזאגט, נעהען איהם נאך אונד פיהלען ענטוועדער וואס ער האט געפיהלט אָדער וואס ער האט אונז געמאכט פיהלען. מאָראליש אָדער אונמאָראליש, בלייבט זיך דאסזעלבע.

אויב אייך איז בעקאנט דער ערשטער טהייל פון דער קרייצער סאָנאטע, דאן וועט איהר זיך געווים גוט עראינערן אן דיא שטירמישע אונד אויפרעגענדע געפיהלע וואס זיא ערוועקט. שטעלט זיך פאָר, ווען דיעזע קרייצער סאָנאטע ווערט גע־שפּיעלט אין א זאלאָן, וואו עס געפינען זיך דאמען מיט נאקעטע, **ווייסע הענד אונד**

ברוסטען. דיא מוזיק זעהט אוים וויא פייער צו לויפען איבער אונזער בלוט, אונד וועקט, מונטערט אונד רופט ארוים געפיהלע פון אויפרעגונג...

איך וויים ניט אויב מען דארף אין גאנצען פערביעטען אזא מוזיק, אבער עס איז זיכער, אז אונטער א רוהיגער אונד אנשטענדיגער געזעלשאפט, זאל זיא ניט געשפיעלט ווערען. זיא האט דארט ניט מעהר קיין צוועק. אויף מיר האט דיא קרייצער סאנאטע שרעקליך געווירקט. איך האב געשפירט אין מיר זיך ערוועקען נייע געפיהלע אונד נייע פעהיגקייטען, וועלכע זיינען מיר געוועזן אונבעקאנט. וואס דיא ריכטיגע בעדייטונג איז דערפון געוועזן, האב איך מיר אליין ניט געקענט ערקלערען.

יא, דאס וויים איך גאנץ גענוי, אז איך האב מיך געשפירט אזוי הויך, אזוי ערהייבען, אז דאס געפיהל פון אייפערזיכט איז פון מיר פלוצלינג פערשוואונדען, אונד עס האט אויסגעזעהען גאר אהן א שום ווערטה פאר מיר.

נאך דעם ערשטען טהייל פון דער קרייצער סאנאטע, האבען זייא געשפיעלט דעם צווייטען טהייל, וועלכער איז שוין ניט אזוי אויפרעגענד, אונד דאן דעם שלוס, וועלכער ווירקט זאנפט, שטיל אונד בערוהיגענד.

אויף דעם ערזוכען פון דיא געסט, האבען זייא נאך עפעס אנדערש געשפיעלט. אלעס איז געוועזן גאנץ שעהן, אבער קיין זאך האט אויף מיר געווירקט אפילו א הונדערטען טהייל וויא דיא קרייצער סאנאטע. עפעס בין איך געוועזן דעם גאנצען אבענד פריילין אונד מונטער. מיין פרוי ווידער, האב איך נאך קיינמאל ניט געזעהען וויא אין דיעזען אבענד. וועהרענד זיא האט געשפיעלט, האבען איהרע אויגען געפינקעלט וויא צוויא קוילען פייער. איהרע געזיכטס-ציגע זיינען געווארען ערנסט אונד שעהן, אונד עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא איהר גאנצע זעעלע שווימט אין א ים זיסעס פערגניגען. נאכדעם וויא זיא האט געענדיגט, איז געלעגען א ריהרענדער אונד גליקליכער שמייכעלע אויף איהרע ליפען. איך האב דאס אלעס געזעהען, אבער איך האב אין דעם קיינע אנדערע בעדייטונג געפונען, אויסער דעם־זעלבען איינדרוק וויא עס האט אויף מיר געמאכט. דעם רעסט פון דעם אבענד, בין איך כמעט גאר ניט אייפערזיכטיג געוועזן.

ביים אבשיעד, ווען טרוכאטשעווסקי האט צוזאמען גענומען זיינע נאטען, האט ער מיך געפרעגט, ווען איך דענק צוריק צו קומען פון מיין רייזע, ווייל ער וויל זיך מיט מיר געזעגענען, איידער ער פאהרט אוועק. איך האב מיר דערפון געערגערט, אז ער רעכענט עס ניט פיר פאסענד, וועהרענד מיין אבוועזענהייט צו קומען בעזוכען מיין הויז.

ניין, איך בין כמעט גאָר ניט מעהר אייפערזיכטיג געווען, אָבער דער לעטצטער געדאַנק, האט מיך געפרייט.

על־פּי־חשבון איז עס אויסגעקומען, אז איך וועל ניט צוריק קעהרען פריהער איידער ער וועט אוועק פאָהרען. צום ערשטען מאל האב איך איהם הערצליך גע־דריקט זיין האנד, אונד איהם געדאַנקט פאַר דעם פערגניגען וואס ער האט אונז פערשאַפט.

ער האט זיך אויך געזעגענט מיט מיין פרוי, אונד איך האב גאַנץ גוט בע־מערקט, אז דיעזער אבשיעד איז ניט געווען קיין פערשטעלטער, אויסער וואס מיין פרוי אונד מיך, האט עס זעהר געפרייט פון דיעזען מוזיקאַלישען אבענד.

דאן האב איך מיט מיין פרוי געשפּראָכען גאַנץ רוהיג איבער דעם איינדרוק פון דער מוזיק, אונד אונזערע בעציהונגען אין יענעם אבענד, זיינען געווען די גליק־ליכסטע, זייט מיר האבען חתונה געהאט.

24.

מיט צוויא טעג שפּעטער, האב איך אבשיעד גענומען פון מיין פרוי אונד אבגערייזט אום צו בעזאָרגען מיינע געשעפטען. איך בין געווען רוהיג אונד גליקליך.

איך האב געהאט זעהר פיעל צו טהון. וועהרענד די ערשטע 2 טעג, האב איך געהאט צו ארבייטען גאַנצע 10 שטונדען יעדען טאג. ווען איך בין אבענד אהיים געקומען אויף מיין לאָזשיע, האב איך געטראָפען א בריעף פון מיין פרוי.

זיא האט מיר געשריעבען איבער די קינדער, איבער דעם אָנקעל, איבער דאס קינדער־מעדכען, איבער זאַכען וואס זיא האט איינגעקויפט, אונד אַנדערע קלייניגקייטען וואס א פרוי בעזאָרגט פיר א הויז. צום שלוס האט זיא בעמערקט, אז טרוכאַטשעווסקי איז דאָרט געווען אונד געבראַכט די נאָטען וואס ער האט פערשפּראָכען צו ברענגען. ער האט איהר, אין דערזעלבער צייט, פאָרגעשלאָגען, זייא זאָלען נאך צוזאמען שפּיעלען, נאָר זיא האט זיך ענטזאגט.

וויא א דונער־שלאַג האט מיך געטראָפען די לעטצטע בעמערקונג. דאַכט־זיך איך בין גאַנץ גוט געווען דערבייא ווען ער האט זיך מיט מיר לעטצטענס געזע־גענט אונד איך געדענק כמעט יעדעס וואָרט וואס ער האט מיט איהר אונד מיט מיר געשפּראָכען. איך עראינער מיך בשום אופן ניט ווען ער האט איהר פער־שפּראָכען צו ברענגען נאָטען.

„איז דאס ניט נאָר איין אויסרייד?“ האב איך מיך אליין געפרעגט. „יא, געוויס, אזוי איז עס. ער איז צו איהר געקומען באלד וויא איך בין אוועק געפאָהרען. זיא ווידער, מורא האבענדיג, דאס ווען איך וועל אהיים קומען וועל איך פיעללייכט ערפאהרען, אז ער איז דאָרט געווען, כאפט זיא דיא פיש פאר דער נעטץ, אונד דערצעהלט מיר פאָראויס א פוסטען תירוץ. ניין! איך בין זיכער, אז ער האט איהר קיינמאל ניט פערשפּראָכען צו ברענגען נאָטען בייא דער לעטצטער בעגעגנונג. נאך מעהר, איך בין איבערצייגט, אז ער האט פון מיין פרוי אבשיעד גענומען אונד זיך געזעגענט גלייך וויא מיט מיר. זיא בעטריגט אונד בעשווינדעלט מיך!“

דיעזע זיינען געווען מיינע געדאנקען, אונד איין אונרוהע איז אין מיר ענטשטאנדען, אז איך האב ניט געקענט איינזיטצען אויף מיין פלאַטץ. איך האב מיך אויפגעהויבען, ארום געשפּאצירט איבער דעם צימער אונד געדעקט שנעל, האסטיג אונד שטירמיש. איך האב דעם בריעף עטליכע מאל דורכגעלעזען. עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך האב בעמערקט אין יעדער שורה, אין יעדען וואָרט אונד אין יעדען אות, עפּעס מורא, אויפרעגונג אונד אונזיכערעס. מיין הערץ האט ווידער אָנגענומען יענע בעקאנטע בעוועגונג פון קלאפּען שטארק אונד וויטהענד.

דאן האט מיר אָנגעהויבען צו שווינדלען פאר דיא אויגען אונד בילדער האבען אָנגעפאנגען צו ערשיינען. איך האב געזעהען, געפאנטאזירט, מיר פאָרגעשטעלט אונד געטרוימט וואכענדיג. דיא ווילדע חיה פון אייפערזוכט, וועלכע האט אויסגעזעהן ביז דאמאלס ערגיץ פערשפּארט: האט פלוצלינג אויסגעבראָכען פון איהר שטייג, אונד האט געריסען שטיקער פון מיר. עס איז געווען א העפטיגער אנגריף, אָבער איך האב געקעמפפט, געשטריטען אונד ענדליך געזיעגט. איך האב דיא ווילדע חיה, אייפערזוכט, אָנגעכאפּט ביים גאָרגעל, זיא פעסט אונד שטארק צוגעדריקט אונד אריין געוואָרפען צוריק אין איהר שטייג.

איך האב אָנגעהויבען רוהיג אונד איבערלעגט צו דענקען.

„וואס בין איך אזוי אויפגערעגט?“ האב איך מיך געפרעגט. „ווארום זאָל עס ניט זיין וויא מיין פרוי שרייבט מיר? אונד וויא איינפאך אונד אונשולדיג יעדעס וואָרט איז! עס איז דאָך ניט נויטהווענדיג איך זאָל געדענקען יעדעס וואָרט וואס מען האט גערעדט. געוויס, ער האט איהר וואהרשיינליך פערשפּראָכען צו ברענגען נאָטען ווען איך האב ניט געהערט, דאן געבראכט דיא נאָטען, זיא געבעטען ווייטער צו שפּיעלען, אונד זיא, אום מיין פערריקטע אייפערזוכט ניט אויפצורייצען, האט זיא איהם ענטזאגט. דאס איז גאנץ איינפאך, אונד עס איז זעהר בראוו פון איהר

זייט, וואס זיא שרייבט מיר אלעס ארויס, וויא א גוטע, עהרליכע אונד אנשטענ־דיגע פרוי!"

עס האט זיך מיר גערשאכט, אז איך האב מיך בערוהיגט, אונד מיך אויס־ציהענדיג, האב איך מיך אריין געלעגט אין בעט. איך האב מיט געוואלט פער־טריעבען דיא אייפערזיכטיגע געדאנקען פון מיר, אונד האב איבערהויפט געשטרעבט גאר ניט צו דענקען איבער מיין היים. איך האב מיך פערטראכט אין דיא גע־שעפטען וואס איך דארף מאָרגען דורכפיהרען; מיר אויסגעארבייט א פלאן, אונד אזוי, קלערענדיג אונד טראכטענדיג וועגען אנדערע זאכען, ניט איבער מיין פרוי, בין איך איינגעשלאָפען.

איך געדענק, אז זייענדיג אויף דער רייזע אונד ליעגענדיג ניט אין מיין גע־וועהנליכעס בעט, פלעגט מיר אימער שווער זיין איינצושלאָפען. אָבער דיעזעס מאָל, איז געווען איין אויסנאהמע. עס איז קיין צווייפעל, אז דיא שרעקליכע אויפרעגונג אונד פלעטצליכע בערוהיגונג, האט אויף מיר אזוי געווירקט, אז איך בין פערמאַ־טערט געוואָרען אונד דער שלאָף האט מיך בעזיעגט.

מעהרערע מאל האט עס פאסירט וואס איך האב פלוצלינג ערוואכט. אויך דאמאלס איז מיט מיר דאסזעלבע געשעהען. איך האב אָבער דאן ערוואכט, גלייך וויא איין עלעקטרישער פונק וואלט מיך בעריהרט. איך בין אויפגעשטאנען זאָפאָרט, גאָר ניט פערשלאָפען, אונד דער ערשטער געדאנק איז געווען וועגען מיין פרוי. איך האב מיך דערמאָהנט אן מיין קערפערליכע ליעבע צו איהר, אן טרוכאטשעווסקי'ן, אונד איך האב געקלערט, אז צווישען זייאביידע איז שוין געווים עפּעס געשעהען, פאר וועלכען איך דארף פערבאָרגען מיין געזיכט פון חרפה. צאָרן אונד שרעק האבען צוזאמענגעדריקט מיין ברוסט, אונד אין דיעזען צושטאנד, האב איך וויעדער אָנגעהויבען מיט מיין לאָגיק מיך צו בערוהיגען.

„איך בין א דומקאָפּ!" האב איך צו מיר אליין געזאגט. „עס איז גאר ניט געווען אונד עס איז גאָר ניט געשעהען. וויא קומען צו מיר אזעלכע געדאנקען? וואס פאר איין אורזאכע האב איך דערצו? ניין, ניין, איך דארף גאָר אזוי ניט דענקען, אום מיך אונד זיא אויף אזא אופן צו ערניעדריגען! ער — איין איינפאכער מוזיקער, ביעדנער פידלער, וועלכער איז בעקאנט אלס א שלעכטער מענש, — אונד זיא, א סאָלידע, געאכטעטע פרוי אונד מוטער פון קינדער, מיין פרוי! פוי! וויא דום איך בין!"

דום אהין, דום אהער, אָבער עס האט מיך דאָך ניט געלאָזען רוהען. עס האט מיר אויסגעזעהען וויא דיא מאָראל פון א געוויסען פרעדיגער, וועלכער האט

געוואָלט איינרעדען א הונגעריגען, אז דער מענש לעבט ניט אויף דער וועלט נאָר צו עסען. „יא,“ האט זיך דער הונגריגער געטראכט, „דאס איז שוין ריכטיג געגוג, אָבער דערווייל בין איך דאָך הונגריג אונד מיין מאָגען לאָזט מיך ניט רוהען!“

צווישען אַלע מיינע טרייסט-געדאנקען, האט מיר איינגעראמט א געהיימע שטימע: „אמת, זיא איז טאקי מיין פרוי, אונד, דערפאר, דארף שוין קיין אנדערער צו איהר קיין חשק ניט האבען? דאסזעלבע וואס טרייבט מיך פון איהר צו האבען א קערפערליכען געגוס, קען איין אנדערן אויך אויפרעגען. איבערהויפט, בייא טרובאטשעווסקי'ן, איז זיא דאָך א נייע זאך, אונד ער, אַלס אונפערהייראטעטער, געזונטער אונד שעהנער מאן, דערצו נאָך אויסגעלאסען, ווארום זאָל ער ניט וועלען מיט איהר פערקעהרען? דאריבער איז קיין צווייפעל, איך בין נאָך אויך איבערצייגט, אז ער וואָלט קיין געלעגענהייט אויסגעלאָזען, אום זיך צו פערשאפען פערגעניגען. אונד וואס זאָל זיא אייגענטליך צוריק האלטען ניט צו מאכען אזא שריט? גאָר ניט. אַלעס אין איהר צייגט גראדע דעם גענענטהייל. זיא איז — א געהיימניס! זיא איז עס אימער געווען אונד איז אויך אזוי געבליעבען. איך קען זיא גאר ניט; זיא איז מיר בלויז בעקאנט פון דער טהיערישער זייט, קיין זאך זאָל אונד דארף זיא צוריק האַלטען!“

יעטצט ערשט האב איך נאָך אמאל אָנגעהויבען צו שטודירטן זייערע געפיהלע פון יענעם אבענד, ווען זייא האבען געשפיעלט דיא קרייצער סאָנאטע. איך האב געזעהען, אז איך בין דאמאלס געווען צו פיעל פערטיעפט אין מיינע אייגענע געדאנקען איבער דער ווירקונג פון דער קרייצער סאָנאטע.

זייערע געזיכטער זיינען פאר מיר ערשיענען אין דער אויפרעגונג אונד לוסט, אין דער קאָכעדיגער ליידענשאפט אונד גענוס.

ווארום האב איך דאס דאמאלס ניט געזעהען? אונד וויא האב איך געקענט נאָך אזא סצענע אוועק פאָהרען? איז עס דען ניט דייטליך געגוג, אז אין יענעם אבענד האבען זיך זייערע געפיהלע פעראייניגט? יא, איך געדענק עס גאנץ גוט, מיין פרוי האט אויסגעזעהן צו שפירען דיא פערברעכערישע געדאנקען אונד זיא האט דיעזע אויסגעדריקט אויף איהר פלאמענדעס געזיכט אין א געפיהל פון שאנדע. איך געדענק אקוראט יענעם גליקליכען שמייכעלע אויף איהרע ליפען, ווען זיא האט אָבגעווישט דעם שווייס פון איהר שטערן. דאן האבען זייא זיך ביידע ניט געקענט קוקען אין דיא אויגען דעם גאנצען אבענד. ווען ער האט איהר אָנגעגאָסען א גלאז וואסער, האבען זיך בעגעגענט זייערע בליקען מיט דעמזעלבען גליקליכען שמייכעלע.

איך האב מיך עראינערט מיט א שוידערן אן יענעם שמייכעלע וואס האט מיר דא־מאלס פעראורזאכט אזוי פיעל אונשולדיגעם פערגניגען.

„יא, אלעס איז פאראיבער!" האט צו מיר גערופען יענע געהיימניספאָלע שטימע. דאן, ווידער אין איין אנדערן טאָן: „וואס איז מיט דיר? דאס קען דאָך ניט מעגליך זיין!"

איך האב אָנגעהויבען עפּעס וויא מורא צו האבען צו ליעגען אין דער פינסטער. איך האב אָנגעצונדען א שוועבעלע, אונד דיא געלע גארדינען, האבען איבער מיר געמאכט איין אונהיימליכען איינדרוק. דערוויל האב איך פעררויכט א ציגארעטע, אונד אָנגעפאנגען צו ציהען שטארק דעם רויך מיט מיין גאנצען אטהעם.

איהר קענט זיך אלוא מערקען דעם לויף פון מיינע געדאנקען. זייא זיינען געוועזן א ווידערשפּרוך, אָהן איין ענטשלוס, אָהן א בעשטימונג: — א נערוועזע אונ־זיכערהייט. אין אזעלכע פעללע רויכט מען, פיעל, שטארק, שנעל, אָהן אויפהערליך. דיא געדאנקען יאָגען, פליהען, שוועבען אונד זעהען אויס צו פערשווינדען מיט'ן רויך. אנדערע ווערען געבוירען, ערשיינען אונד פלאגען. אָבער דער רויך האט מיך אביסעל וויא בערוישט אונד אָבגעהאלטען דעם שטורם פון דיא גע־דאנקען.

פון שלאָפען איז אונטערדעסען קיין רעדע ניט געוועזן. אום 5 אוהר, אלס עס איז נאך דונקעל געוועזן, האב איך בעשלאָסען איין ענדע צו מאכען פון מיין אונרוהע, אונד איך האב געדענקט זאָפאָרט אהיים צו פאָהרען.

איך האב מיך שנעל אָנגעצויגען, אויפגעוועקט דעם וועכטער, וועלכער איז אויך געוועזן מיין דיענער, אונד איהם געשיקט ברענגען פערד. דאן האב איך מיך אוועק געזעטצט, אָבגעשריעבען א בריעף צו דיא געשעפטסלייט מיט וועלכע איך בין געשטאנען אין פערבינדונג, אונד זייא אָנגעצייגט, אז עטוואס אונערווארטעטעס איז מיר בעקאנט געוואָרען, אונד איך מוז זאָפאָרט צוריק קעהרען נאך מאָסקווא. דעם בריעף האב איך גלייך געלאָזען אוועק טראָגען, אונד אום 8 אוהר, האב איך מיך אויפגעזעטצט אויף דער דראָשקע אונד בין אוועק געפאָהרען.

25.

איך האב בעדארפט פאהרען 35 ווערסט מיט דער דראָשקע אונד 8 שטונדען אויף דער אייזענבאהן. דיא רייזע איז מיר געוועזן זעהר אנגענעהם.

דיא געגענד איז געוועזן בעלייכטעט מיט העלער זונענשיין, אונד דער ערשטער לייכטער פראָסט פון דעם ווינטער האט זיך געשפּירט. דער וועג איז געוועזן גלאט,

דאס וועטער שעהן אונד דיא לופט ריין אונד קרעפטינענד. מיינע אייגען האבען געבליקט אויף דער שעהנער אונד הערליכער נאטור, אונד עס האט מיר אויסגעזעהן, אז איך מאך א לוסט־רייזע. איך בין געוועזען העכסט צופריעדען מיך צו פערגעסען אויף א קורצער צייט. ווען דער געדאנק איז מיר געקומען צו וואס איך פאָהר אונד צו וועלכען צוועק, האב איך אויף איינמאָל געשפירט, גראדע וויא דיא קעלט האט דורכגעבלאָזען דורך מיין גאנצען קערפער, אונד עס האט מיך געשווידערט. דאן האב איך געדענקט, געטראכט אונד האב אליין גאר ניט געוואוסט וויא אזוי איך זאָל רעגולירען מיינע געדאַנקען צום שלום האב איך צו מיר געזאגט:

„ווארט, מענש, האב געדולד, דענק יעטצט ניט אן דעם, באלד וועסטו דיך איבערצייגען. דוא וועסט אלעס זעהען מיט דיינע אייגענע אויגען.“

גראדע אין מיטען וועג האט עפּעס פּאסירט וואס האט מיך צוריק געהאלטען. אָבער דאס האט מיך אביסעל צערשטרייעט. עס האט עפּעס געבראָכען בייא א ראָד פון דער דראָשקע, אונד מיר האבען געמוזט ווארטען דאס צו פעררעכטען. דיא ראָד האט דאן געמוזט אונטערגעשפּארט ווערען מיט א שטיק האָלץ, אונד וועהרענד דיא דראָשקע האט זיך געשלעפּט, האבען מיר געמוזט נאכגעהען צו פוס, ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו א קרעטשמע, וואו מיר האבען געטראָפען א מאן, וועלכער האט אלעס פעררעכט. דערווייל, נאטירליך, האט מען שוין געטרונקען טהעע, גערעדט, געמאכט שפּאס, געלאַכט אונד זיך אונטערהאלטען. דאס האט געווירקט וואס איך האב צייטענווייז פערגעסען אן מיין ציעל אונד אבזיכט. געגען אבענד, איז ווידער אלעס געוועזען אין אָרדנונג, אונד מיר האבען פּאָרטגעזעטצט דיא רייזע.

בייא נאכט איז דיא רייזע געוועזען נאך שווערער, דערפאר אָבער אנגענעהמער פאר מיר, ווייל איך האב פערגעסען צו ביסלעך אן מיינע מארטערענדע געפיהלע. דער טרייבער איז געוועזען א פּראָסטער, אָבער א לוסטיגער יונג, אונד זיין נאטיר־ליכער וויטץ, איז אימער געוועזען זעהר אונטערהאלטענד.

אָבער אונגעריכט זיינען ערשיינען געדאַנקען אין מיין קאָפּ — געדאנקען, וועלכע האבען שיער איבערגעקעהרט מיין געהירן. עס האט זיך מיר געדאכט, אז דאס לייכטע ווינטעלע מורמעלט אין מיינע אויערן:

„נאר, פרעה דיך, פרעה דיך יעטצט, ווייל דוא נעהמסט שוין איין אייביגען אבשיעד פון דעם לעבען. זעה אונד אטהעם איין אזוי פיעל פרישע לופט וויא נאר מעגליך; זעטע דיינע אויגען מיט דער שעהנהייט דער נאטור, ווייל באלד וועט דיך אננסט, עלענד אונד אייביגעס אונגליק שטיקען, ווערגען, פערפינסטערן אונד פער־טרויערן ביז צום פינסטערן קבר.“

ביי אזעלכע מאָמענטען פלעגט זיך מיר דאכטען, אז אין מיין קאָפּ ברענט א פייער, מיינע אויגען האבען פערלוירען דיא קראפט צו זעהען, אונד וויא א גרויסער שטיין פרעסט מיין הערץ.

דאן האט מיך ערוואכט דעם טרייבער׳ס געשרייא צו דיא פערד אונד א וויטץ פון זיין מויל אום מיך אויפמערקזאם צו מאכען.

אָבער דער צושטאנד האט זיך באלד געענדערט. איך האב טררייבט דיא אייזענבאהן, אויסגעשטיגען פון דער דראָשקע אונד בין אריין אין וואגאָן. דיא רייזע האט דאָרט געדויערט גאנצע 8 שטונדען, אָבער וויפיעל איך וועל לעבען, וועל איך ניט פערגעסען אן דיא מארטערניסע וואס איך בין דאָרט אויסגעשטאנען.

מיר דאכט יעטצט — אונד איך בין אויך זיכער דאריבער — אז עס גיבט פאר קיין מאן קיין ערגערע שטראפע וויא צו ליידען פון אייפערזוכט.

מערקט זיך גוט, איך האב קיין געוויע אהנונג געהאט איבער דעם וואס מיך ערוואַרטעט צו הויזע. אונד דאָך האבען זיך פאר מיר געוואָרפען אזעלכע בילדער, וועלכע האבען מיך יעדעס מאל געמאכט איך זאָל אויפשפּרינגען פון מיין זיטץ וויא א משוגענער.

אויב דאס איז געוועזען דורך מיינע אויפגערעגטע נערווען פון א גאנצען טאָג, אימער שוועבענדיג אין פינסטערע געדאנקען אונד אונזיבערהייטען, אָדער דערפאר וויל איך האב געשפּירט, אז אָט באלד וועל איך שוין אלעס ערפאהרען, — יעדענ־פאלס האב איך געקעמפּפט געגען מיין פאנטאזיע מיט אלע כוחות, אונד איך האב פון מיר ניט געקענט פערטרייבען דיא שוידערהאפטע געדאנקען.

איינמאל האט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה מיין פרוי, האלב נאקעט, ליעגענדיג אין דיא ארעם פון דעם מוזיקער. זיא האט געשמייכעלט — א גליקליכען שמייכעל, אונד דערמאָהנט מיין נאמען, ביי וועלכען זיא האט זיך צולאכט. איך האב געשפּירט וויא דיא פינגער פון מיין רעכטער האנד האבען זיך אויסגעצויגען וויא שפּיזען, אונד מיט דיא לייכטע שריט פון א קאטץ, האב איך מיך דערנעהענטערט, זיא ערגריפען מיט דער לינקער האנד ביים האלז, אונד דיא פינגער פון מיין רעכטער האנד האב איך אריין געשטאָכען אין איהר ווייסע ברוסט אונד געגרייכט, טיעף, וויט, ביז צום הערצען... דאס איז געוועזען רונד, ווארעם, אונד איך האב דאס ארויס געריסען אונד איך האב מיך צולאכט...

ווירקליך, איך האב געלאכט, א ווילדען, שוידערהאפטען לאַך, וועלכער האט פערפרווירען דאס בקוט פון מיינע אָדערן. דאן האב איך מיך פּלוצלינג דערמאָהנט

וואו איך בין אין דער וועלט, ווען מעהרערע פּאססאזשירען האבען זיך צו מיר אומ־געקוקט, אונד איינער האט מיך געפרעגט:

„איהר האט וואהרשיינליך זיסע חלומות, וואס איהר לאכט אזוי?“

זיסע חלומות! מיין געזיכט האט ניט דערצעהלט דעם סוד פון מיין פער־וואונדעטער ברוסט. איך האב געשוויעגען, גאר ניט געענטפערט, אונד מיך אזוי וויא דערמינטערט.

דאן איז דיא באהן וויטער געלאָפען, אונד דיא פינסטערע געדאנקען האבען זיך ווידער אָנגעהויבען צו דענקען.

איך האב ערבליקט טרובאטשעווסקי׳ן. ער האט אייסגעזעהען צו ענטלויפען, אָבער מיט איין שפּרונג בין איך געווען נעבען איהם. איך האב איהם אָנגעפּאקט בייא זיין ווייסען האלז מיט מיינע אייזערנע הענד; געדריקט, אלץ שטארקער אונד שטארקער; זיינע שעהנע אויגען האבען אָנגעפאנגען ארויס צו קריכען פון זיין קאָפּ, אָבער איך האב וויטער געדריקט ביז איך האב געהערט א כאָרכלען, אונד ער איז געבליעבען ליגען אויסגעשטרעקט, פערשטארצט אונד טויט נעבען מיינע פיס...

דער שמערץ אין מיינע צוזאמענגעדריקטע פויסטען, האט מיך ווידער ערוואכט.

איך האב מיך אויפגעשטעלט אויף מיינע פיס, אויסגעצויגען מיינע גליעדער, אונד איך האב געשפּירט איין אונגעהייערן שמערץ אין מיין ברוסט. איך בין צוריק געפאלען, אונד מיינע געדאנקען האבען זיך אביסעל אויסגעלייטערט.

בילדער פון איהר מיט איהם זיינען נאך אמאל ערשיענען, אָבער שוין ניט אזוי ווילד וויא פריהער, זאָנדערן קלאר, דייטליך אונד איינפאך, וועלכע האבען מיר גע־צייגט אויף דער אבשייליכסטער ארט, אז איך ווער בעטראָגען.

„איז דאס וואהר?“ האב איך מיך געפרעגט. „צייגט דיא פאנטאזיע א ווירקליכקייט? ניין, ניין! עס איז אונמעגליך! דיא פאנטאזיע נארט, בעטריגט אונד בעשווינדעלט, אונד איך בין נאך דומער מיך צו לאָזען פערפיהרען פון דער נארישער פאנטאזיע. אָבער וואָרום דרינגען זיך אין מיר אזעלכע בילדער? ווארום זעה איך ניט בעסער אנדערע, בערוהיגענדע אונד טרייסטענדע בילדער?“

איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאָל מיר ענטפערן, אונד ווילענדיג אָדער אונווילענדיג, האט מיין אייפערזוכט אין מיר געברענט וויא אין א קאלך־אויווען.

צאָרן, האַס אונד פערצווייפלונג; וואוטה, ווילדהייט אונד אויפרעגונג האבען מיך געפּלאגט אונד מיך אלץ הייסער אונד מוטהיגער געמאכט.

איז דאָ א טייפעל אויף דער וועלט? איך וויס ניט. אָבער אויב איינער עקזיסטירט, דאַן האט ער זיך דאמאלס איינגעקוואַרטירט אין מיין גאנצען קערפּער אונד מיך ניט געלאָזען רוהען אפילו איין מינוט.

פלוצלינג איז מיר געקומען אויף דיא געדאנקען א געשפּרעך וואס איך האב געהאט מיט טרובאטשעווסקי׳ס ברודער. ער האט מיר אמאל דערצעהלט, אום צו בעווייזען זיין „וואוויליונגשאפט,“ דאס ער האט ניט נעטהיג צו געהן אין עפּענט־ליבע הייזער. דיא אורזאַכע דערפון איז גאנץ איינפאך, ערשטענס האט ער מורא, אַז דאדורך קען ער אנגעשטעקט ווערען מיט א מיאוס׳ע קראַנקהייט, אונד, צוויי־טענס, גיבט עס גענוג פרויען פון מענער. וועלכע האלטען זיך ריין אונד זויבער, אונד פון זייא האט מען ניט צו ערוואַרטען אַזעלכע קראַנקהייטען.

דאס איז שוין געווען זעהר לאנג, זייט ער האט מיר דיא געשיכטע דערצעהלט, אָבער דער טייפעל אין מיר, האט מיך אָן אַלעמען דערמאָהנט, אונד מיר געזאגט, אַז דער מוזיקער, דער ברודער פון יענעם שופט, האט יעטצט געפונען מיין פרוי, וועלכע ערפיללט זיין לוסט, אונד ער האט דאבייא קיין מורא ניט פאַר קיין מיאוס׳ער קראַנקהייט.

„אַזוי איז דאס!“ האט מיר דער טייפעל איינגעראַמט אין מיינע אויערן. „געוויס, אָהנע צווייפעל! מיט דעם מוזיקער טרובאַטשעווסקי... אונד וואָרום זאָל ער עס ניט טהון מיט מיין פרוי? איז זיא עפּעס אין דיר אַזוי שטאַרק פערליעבט? האט זיא אפשר מורא פאַר איין עבירה? זיא איז דאָך זעהר פרייא, גלויבט ניט אין גאָט, בלויז אין טייפעל, וועלכער קלאַפּט נאך „בראַוואָ“ דערפאַר. טרובאַ־טשעווסקי וויעדער, אָבוואָהל א שעהנער מאַן, האט אין איהר א גאנץ פּאַסענדע; עס פעהלט איהר אפילו איין צאהן אונד זיא איז אַביסעל צו דיק — אָבער זיא איז דאָך ניט מיאוס, אונד, איבריגענס, זיא איז דאָך יעדענפאַלס ליעבער פאַר איין עפּענטליכעס פרויענצימער, וועלכע קען ברענגען קראַנקהייט... מענער איבערהויפּט, קוקען ניט זעהר פיעל אויף פאָלקאָמענע שעהנהייט, זאָלאַנג זייא קענען נאָר ער־פילען זייער תאוה“...

מיין אטהעם האט מיך וויעדער געשטיקט, אונד א לאַנגער זיפץ האט מיך אַביסעל פערלייכטערט.

„ניין!“ האב איך אויסגעשריען גענוג הויך אום דיא פּאַססאַזשירען זאָלען אויף מיר קוקען. „עס איז ניט מעגליך! עס איז שרעקליך! דאס איז נאָר איין

איינבילדונג, אונד קיין זאך פון אלעמען וואס איך דענק האט פאסירט! איך האב אויך גאר קיין גרונד אזוי צו דענקען. האט זיא מיר דען ניט געזאגט, אז בלויז דער געדאנק איך זאל איבער איהר איפערזיכטיג זיין, איז שוין אויך ערניעדריגענד פאר אזא פרויענצימער וויא זיא איז?"

„אבער זיא זאגט דאך א ליגען!" האט דער טייפעל נאך אמאל מיך דערמאהנט.

ווען איך האב מיך אומגעקוקט, האב איך געזעהען, דאס בלויז צוויא פאס-סאזשירען זיינען נאך געבליעבען אין וואגאן, אונד אלס דיא באהן איז שטעהען גע-בליעבען ביא דער סטאציאן, זיינען זייא אויך ארונטער געגאנגען.

אליין! איך בין געבליעבען זיטצען אליין! איך בין אויפגעשפרונגען אונד צוגעלאפען צום פענסטער. איך האב ביא מיר אויסגעזעהען וויא א ווילדער טיגער וואס וויל ארויס שפרינגען פון זיין שטייג.

(ביא דיעזע ווערטער איז פאזדניטשעוו, דער ערצעהלער, אויפגעשפרונגען פון זיין זיטץ. דיא שילדערונג אונד דיא עראינערונג אן אלעמען, האט איהם צופיעל אנגעשטרענגט. ער איז אבער באלד צוריק געפאלען אין זיין זיטץ, ווען ער האט זיך דערמאהנט אן אלעמען וואס געהט יעטצט פאר מיט איהם.)

„דיא אייזענבאהן!" האט ער נאך אמאל אנגעפאנגען, „זיא שוידערט מיך, ווייל מיט איהר קומען אזוי פיעל טרויעריגע עראינערונגען! אבער אום פארטצו-זעטצען מיין ערצעהלונג וועל איך זאגען, אז גראדע וויא יעטצט, אזוי האב איך מיך דאמאלס אויך צוריק געזעטצט. איך האב אנגעפאנגען אנצושטרענגען מיין גרעסטע קראפט צו פערטרייבען דיא רעיונות פון מיר. איך האב מיך מיט געוואלט דער-מאהנט אן דעם ווירטה פון דער קרעטשמע, אן מיין טרייבער, אן דעם טהעע וואס איך האב געטרונקען, אונד דאן אום א אינגעלע וואס איך האב דארט געזעהען זיך שפיעלען. דערבייא האב איך מיך אויך עראינערט אן מיין וואסיא'ן.

מיין וואסיא? ווער זאגט מיר דען מיט געוויס זיכערהייט, איך זאל דאס קענען גלויבען, אז ער איז מיינער? אונד ווען יא, פיעללייכט שטעהט ער יעטצט, מיט זיין אונשולדיגען פנים'ל אונד איז איין עדות דערבייא וויא טרוכאטשעווסקי קושט זיין מוטער, מיין פרוי! וואס קען דאס קינד פיהלען בייא אזא סצענע?

וואס איך האב געליטען, איז קיין מענשליכע פעדער אימשטאנדע צו בע-שרייבען.

דאָן איז מיר פּלוצלינג איינגעפאלען א נייער געדאנק: איך זאָל ארויס געהן פון דעם וואגאָן ביא דער נעכסטער סטאציאָן, מיך אוועק לעגען אויף דיא שינעס מיט מיין קערפּער — ניין! מיט מיין האלז, אונד דיא ברייטע אונד שווערע ראָד וועט ארויף, א שפּריטץ בלוט, א קליינער שמערץ, א בליק, א געדאנק, אונד אלעס איז פאָראיבער.

אָבער ווארום זאָל איך דאס טהון? ניין, איך דארף אזא ישרית ניט מאַכען, פיעללייכט איז זיא גאר גאנץ אונשולדיג? וואס פאר א בעוויז האב איך דען פון איהר שולד? אונד ווען זיא איז יא שולדיג, דאַן ווארום זאָל איך איהר פרייא מאכען דעם וועג? ניין, איך מוז לעבען אונד זיא זאָל ליידען — אזוי פיעל ליידען, ביז זיא זאָל האבען א בעגריף פון מיינע שמערצען.

דענקען, טראכטען, דענקען! איך האב וויעדער געדענקט. איך האב בעשלאָסען רוהיג צו איבערלעגען יעדע איינצעלהייט אונד זעהען מיט א קלאָרען פערשטאנד, ווארום איך בין אזוי אויפגערעגט. אָבער איך האב וויעדער געהאט א טעות אין מיר אליין. איך האב גאָר ניט געקענט האבען קיין קלאָרען פערשטאנד דאמאלס, אונד רוהיגע איבערלעגונג, האט מיר געפעהלט.

דאָן זיינען געקומען אנדערע געדאנקען. איך האב מיך עראינערט, אז עס האט שוין אמאל פאסירט, וואס איך בין אויך געווען אויפגערעגט מיט אייפערזוכט (נאטירליך ניט אזוי פיעל וויא דאמאלס), אונד אלס איך בין געלאָפען, געפלויגען אונד געשוועבט אהיים מיט דעם געדאנק זיא צו טרעפען מיט איין אנדערן, האב איך זיא גאָר געפונען רוהיג שלאָפענדיג.

„דומקאָפּ!“ האב איך צו מיר געזאגט, „יעטצט קען אויך דיעזעלבע זאך זיין, אונד דוא וועסט ערשט שפּעטער זעהען וויא נארריש דוא ביסט געוועז. דוא וועסט אהיים קומען, זיא וועט אויפשטעהען פון איהר בעט, פערשלאָפען, דיך בעגעגנען מיט א פרייליכען שמייכעלע, דיך נעהמען אין איהרע ארעם, אונד דוא וועסט איינזעהען וויא דום אלע דיינע געדאנעען זיינען געוועז. אך גאָטט! העלף מיר עס זאָל אזוי זיין! אך, וויא שעהן דאס וואָלט דאמאלס געוועז — אָבער ניין, דאס האט אפילו עטליכע מאל פאסירט, אָבער ניט יעטצט, ניט יעטצט!“

דיא לעטצטע ווערטער האט צו מיר געמורמעלט דיא געהיימניספאָלע שטימע.

אך, זיינען דיעזע געוועז שמערצען! אום אוועק צו נעהמען פון א יונגען מאן דעם חשק פון פרויען, דארף איך איהם ניט פיהרען אין דער האָספּיטאל־אבטהיילונג

פון אנגעשטעקטע אונגליקליכע, זאָנדערן איהם נאָר צייגען דאס גליהענדע פייער אין מיין הערץ, וואס איז דאמאלס אָפט אויפגעשאַרט געוואָרען פון טייפעל־הענד מיט אייזערנע גראַבלעס.

דאס שרעקליכסטע איז געווען, וואס איך, אַלס מאַן, האב מיך גערעכענט צו בעזיטצען דאס גאַנצע רעכט איבער איהר קערפער, גראדע וויא איבער א טהייל פון מיר אליין, אונד דאָך, נאכקלערענדיג האב איך געמוזט איינזעהען, אז זיא קען טהון מיט איהר קערפער, וואס זיא וויל. איך האב מיך געשפירט קראַפּטלאָז אום צו פערהינדערן דאס ער, טרוכאַטשעווסקי, וועלכען איך האב געהאסט מעהר וויא דעם טויט, זאָל ניט בעזיטצען אונד טהון מיט מיין פרוי אַלעס וואס איז אין מיינע אויגען שוידערהאַפט אונד שרעקליך.

26.

פאַר דער לעטצטער סטאַציאָן, איז דער קאָנדוקטאָר אריין געקומען אונד בייא מיר אָבגענומען מיין בילעט. איך האב מיך גלייך אויפגעהויבען, צוזאַמען גענומען מיינע זאַכען אונד אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דעם וואַגאָן. איך בין געווען זעהר אונגעדולדיג אונד איך האב מיך שוין געוואָלט זעהען בייא מיין ציעל. עס איז מיר קאַלט געוואָרען. איך האַב געציטערט אונד געשפירט, אז עס האט מיר געקלאפּט א צאַהן אן א צאַהן. דאַן איז דיא באַהן געבליעבען שטעהען, אונד איך בין שנעל אַרויס. וויא אזוי איך בין ערשיענען אויף דער גאַס, געדענק איך ניט, נאָר איך וויים, אַז איך האַב דערזעהען א פוהרמאַן מיט א דראָשקע אונד איך האב איהם געהייסען, ער זאָל מיך אָבפיהרען אהיים. וועהרענד דעם פאָהרען, האַב איך געבליקט אויף דיא פערבייגעהענדע אונד איך האב געלעזען דיא שילדער אויף דיא געשעפטען.

וויא איך בין אָבגעפאָהרען אונגעפעהר א האַלבע ווערסט, האַב איך געשפירט, אז מיינע פיס פרירען מיר. איך האב מיך דערמאָהנט, אז זיטצענדיג אין וואַגאָן, האב איך מיר אויסגעצויגען מיינע וואָלענע זאָקען אונד אריין געלעגט אין רייזע־טאַש. אָבער וואו איז דער רייזע־טאַש? האַב איך איהם געהאט? יא. אונד וואו איז דער גרויסער קאָרב? איך האב מיך דערמאָהנט, אז איך האב פערגעסען דאס געפּעק. אָבער איך האב געהאט א קוויטונג, אונד איך האב מיר געטראַכט, אז דאס וועט ניט פערפאַלען ווערען.

ווען איך דערמאָהן מיך יעטצט, דאַן זעה איך ניט איין דיא אורזאַכע, וואַרום איך האַב מיך דאַמאַלס אזוי געאיילט. עס איז בייא מיר קיין צווייפעל געווען, אַז

עטוואס שרעקליכעס אונד פירכטערליכעס וועט באלד פאסירען אין מיין לעבען. אלזא, וואס איך האב מיך בעדארפט איילען דיעזעס אונגליק צו בעגעגענען? אבער דיעזע זיינען דיא געהיימניסע פון אונזער לעבען, וואס מיר זיינען ניט אימער אימשטאנדע צו ערקלערען.

עס איז געוועזן 1 אוהר אין דער נאכט. איך האב געזעהען איינינע פוהרלייטע שטעהענדיג אויף דער גאס, וואו זייא האבען ערווארטעט פאססאזשירען. אויפ־הויבענדיג מיינע אויגען, האב איך בעמערקט, אז דיא פענסטער פון מיין זאלאן זיינען בעלייכטעט.

פון דיעזען מאמענט אן, האב איך בייא מיר אויסגעזעהען, וויא אזעלכער, וועלכער איז פעראורטהיילט געווארען צום טויט, אונד איז א לאנגע צייט געוועזן זעהר אונרוהיג, אבער קומענדיג נאהענט פון דער תליה, איז דיא מורא פלוצלינג פערשוואונדען געווארען, אונד א זעלטענע גלייכגילטיגקייט האט איהר פלאטץ פערטרעטען.

איך האב מיר ניט גענוי ערקלערט, וואס דאס בעדייטעט, ווארום עס איז ליכטיג אין מיין זאלאן, אבער אויבערפלעכליך האב איך דאס אקצעפטירט אלס א טהייל פון דעם פראגראם, צו וועלכען מיין שרעקליכע פאנטאזיע האט מיך פאר־בערייטעט.

איך בין ארונטער פון דער דראשקע, בעצאהלט דעם פוהרמאן, אונד מיט א מערקווירדיגער רוהיגקייט בין איך ארויף אויף דיא טרעפען פון מיין הויז, אונד אנ־געקלונגען.

יעגאר, מיין געטרייער דיענער, אבער זעהר א נארישער מענש, האט געעפענט דיא טיהר.

דאס ערשטע וואס מיינע אויגען האבען ערבליקט, איז געוועזן א פרעמדער פאלטא, וועלכער איז געהאנגען נעבען מיינע קליידער אויף דעם קליידער־געשטעל אין קארידאר. ניין, איך האב מיך דאריבער ניט געוואונדערט. נאך דעם ליכט אום 1 אוהר בייא נאכט אין מיין זאלאן, איז אויף'ן פראגראם דער צווייטער געגענשטאנד, א פרעמדער פאלטא. וועמעס ער איז, האב איך ניט בעדארפט פרעגען, איך האב שוין אליין פערשטאנען.

מיין פאנטאזיע האט מיך אלזא ניט בעטראגען. איך האב אונטערדעסען, בלויז אום עפעס צו רעדען, געפרעגט יעגאר'ן, ווער עס איז דא אין הויז. ער האט מיר אנגערופען טרובאטשעווסקי'ס נאמען. דאן איז מיר איינגעפאלען צו פרעגען,

אויב נאך יעמאנד איז דאָ. אָבער ער האט געזאגט, אז אויסער דעם מוזיקער, איז קיין פרעמדער פערהאנדען אין הויז.

איך געדענק, ווען יעגאַר האט מיר דיא לעטצטע ווערטער געזאגט, האט עס אויסגעזעהען, אז ער האט מיך געוואָלט אזוי וויא בערוהיגען, אונד זאגען, אז אויסער איין שופט איז קיין אנדערער נימאָ.

„אונד דיא קינדער ?" האב איך געפרעגט.

„זייא זיינען גאָט זייא דאנק געזונד," האט ער געענטפערט, „אונד זייא שלאָפען שוין זייט לאנג."

דערבייא האב איך געשפירט א ציטערן אין מיינע קניען אונד ווידער דיא לופט־פרעסונג, וואס האט מיך לעטצטענס אזוי אָפט געשטיקט. פלוצלינג האב איך מיך דערמאָהנט אן דעם וואס איך האב פריהער געדענקט, אז איך וועל אהיים קומען, זיא טרעפען שלאָפענדיג אין אונשולד —

„אונד יעטצט !" האב איך געמורמעלט כאפענדיג דעם אטהעם, „איז דיא לעטצטע שפור פון דיעזער האָפנונג פערשוואונדען."

אלע מיינע שוידערהאפטע געדאנקען, האב איך געטראָפען בעשטעטיגט. איך האב געשפירט א גרויסען שמערץ, אונד איך האב געוואָלט וויינען. מיין שטימע האט אונווילענדיג געזאגט :

„וויינען ? דומקאָפּ ! לאָז דיך ניט הינרייסען פון דיינע ווייכהערציגע געפיהלע, דאמיט זייא זאָלען זיך דערוויל קענען שיידען, אונד דוא וועסט בלייבען דערזעלבער נאר וויא פריהער, ניט האבענדיג אפילו קיין בעוויזע איבער איהר שולד."

איך האב באלד ערוואכט. קראפט, שנעללקייט, מוטה אונד ענטשלאָסענהייט זיינען אין מיר ענשטאנדען. איך האב געזעהען דיא נויטהווענדיגקייט פון באלדיגער האנדלונג אונד טהעטיגקייט. איך בין פלוצלינג געוואָרען א וויטהענדעס אָבער דענקענדעס טהיער.

„עס איז ניט נעטהיג, מען דארף ניט !" האב איך געזאגט צו יעגאַר'ן איהם צוריק האלטענדיג, אלס ער האט געוואָלט אריין געהן אין זאלאָן אנצייגען מיין אנקונפט. „געה, נעהם זאָפאָרט א פוהרמאן אונד ברענג מיר מיין געפעק. דאָ האסטו דיא קוויטונג. געה שנעל !"

ער האט בייא מיר גענומען דאס שטיקעל פאפיר אונד איז אוועק דורכ־פיהרען מיין אויפטראג.

אום ער זאָל קיינעם ניט אויפמערקזאם מאַכען, אָדער דערשרעקען, בין איך איהם נאַכגעגאַנגען זעהען אויב ער איז אוועק. אַלס איך האָב מיך צופריעדען גע־שטעלט, בין איך צוגעגאַנגען אויף דיא שפּיטץ פינגער נאָהענט צום זאַלאָן אונד איך האָב געהערט א קלאַפּעריייא פון טעלער מיט מעסערס.

„דיא הערשאַפט אונטערהאַלט זיך אַזוי שפּעט,“ האָב איך מיר געטראַכט קריצענדיג מיט דיא צייהן, „נאַטירליך מוז מען עפּעס עסען, ווען מען איז אויף אַזוי שפּעט בייא דער נאַכט“...

מיין העכסטער וואונש איז געווען, דאַס איינער פון זייא זאָל מיך ניט בעד מערקען, איידער איך בין פערטיג צו מיין ארבייט.

אָבער וואַס איז מיין ארבייט? דאַס האָב איך נאָך ניט געוואוסט. איין זאַך איז מיר געווען בעקאַנט, אַז באַלד וועט עפּעס שרעקליכעס פּאַסירען.

איך האָב מעהר ניט געצווייפעלט אין איהר שולד. מיין איינציגער געדאַנק איז געווען, וויא מיך נוקם צו זיין.

אַליין, בייא דער נאַכט מיט איהם? איז דאַס אַליין ניט קיין פערברעכען? אָבער ווער זאָגט מיר, אַז זייא זיינען שוין דערבייא געבליעבען שטעהען? אַזוי שפּעט בייא נאַכט! יא, איך האָב געגלויבט, אַז דאַס ערגסטע איז שוין געשעהען!

יא, איך בין אין א געוויסער בעציהונג געווען רוהיג אונד געקענט דענקען אונד איבערלעגען. דיא פראַגע, ווארום דער זאַלאָן איז בעלייכטעט, איז מיר באַלד בעגעטפערט געוואָרען: ער איז דאָך געווים ערשיענען דאַמאַלס, ווען דיא דיענער־שאַפט האַט איהם געזעהען, דאַס קען זיא דאָך ניט פערלייקענען. אויסצולעשען נאַכהער דיא ליכט, וואָלט געווען א בעשטעטיגונג פיר יעדען פון איהר פערברעכען. זיא האַט בעסער געלאָזען ברענען דיא ליכט אונד... איך האָב געשוידערט.

נאָר איין זאַך האָט מיך געשראָקען, אונד דאַס איז געווען, זייא זאָלען ניט ענטלויפען, איידער איך האָב געקענט דורכפיהרען וואַס איך וויל. דאַן האָב איך געהערט פון דיא ווייטע שטימען אונד געאורטהיילט, אַז זייא זיינען גאָר ניט אין זאַלאָן, זאָנדערן אין צימער נעבען זאַלאָן.

יעדער שאָטען פון צווייפעל איז שוין פערשוואונדען! זיא איז שולדיג! ביידע זיינען שולדיג, אונד זייא זאָלען ליידען!

ווידער אויף דיא שפּיטץ-פינגער, בין איך צוריק געגאַנגען איבער דעם קאָ־רידאָר, אונד מיר פאָרגעשטעלט וואָס זיא וועט דענקען, ווען זיא וועט מיך ערבליקען.

איך האב געוואוסט, אז דאס בלוט וועט פערגליווערט ווערען אין איהרע אָדערן, אונד דאס האט מיך געפרייט.

איך בין אונטערדעסען אריין אין מיין צימער, אונד דער ווייכהערציגער שמערץ, האט מיך ווידער ערגריפען. איך האב מיך דערמאָהנט אן די קינדער, אונד אומפאלענדיג אויף מיין סאָפא, האב איך אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין.

„איך בין איין אָרענטליכער מענש,“ האב איך צו מיר אליין געזאגט, „א טאטען'ס א קינד, וועלכער האט אימער געדענקט אונד געטראכט וועגען דעם גליק פון מיין פאמיליען-לעבען, אונד איך האב קיינמאָל נים, זייט איך האב חתונה גע-האט, געבראָכען דעם טרייהייט צו מיין פרוי... אונד זיא! א מוטער פון פינף קינדער... זיא אומארמט יעטצט דעם מוזיקער, ווייל ער האט א ווייסען האלז מיט רויטע ליפען... אונד מיר האט זיא אזוי געשריעבען, אזוי שענדליך אָבגענארט... וואס וויים איך? פיעללייכט איז עס אימער אזוי געוועזן, פיעללייכט זיינען נאָר די קינדער, וועלכע זיא זאָגט, אז זייא זיינען מיינע, דער רעזולטאט פון א צוזאמענקונפט מיט די דיענער? אונד ווען איך וואָלט מאָרגען געקומען, דאן וואָלט זיא מיר ענטקעגען געקומען, שעהן אויסגעפוטצט, מיט א שמייכעלע אויף איהרע ליפען, אונד מיט בעסטיאלישער אונשולד מיך ווידער אָבגענארט! וואס דענקט דאס קינדער-מעדכען אונד דער פראָסטער דיענער יעגאָר... אונד די ארמע ליזא? ווען זיא איז אפילו נים מיין קינד, האב איך זיא דאָך ליעב, אונד זיא איז שוין גאנץ פער-שטענדיג. — אונד דאס אַלעס איז, אום איהר תאוה, אום איהר קערפערליכען נענוס צו ערפיללען!“

איך האב געוואָלט אויפשטעהן, אָבער איך האב נים געקענט. מיין הערץ האט ווידער פירכטערליך געקלאפט, אונד די פיס זיינען מיר געוועזן וויא אונטערגעהאקט. איך האב מורא געהאט, איך זאָל נים שטארבען פון הערץ-שלאג.

„מיט מעהרערע מענשען האט עס שוין אזוי פאסירט,“ האב איך ווייטער גע-ברומט שטילערהיים. „אונד וואס איז דאס פאר א וואונדער? קען דען נים אזא ווייב טרייבען צים טוים? אונד וויא זיא וואָלט זיך דאן געפרייט! זיא וואָלט מיך געירשה'ענט, געהאט א סך געלד, געטהאָן וואס זיא וויל אונד פערקעהרט מיט אַלע לומפען, אבי צו ערפיללען איהר תאוה... זיא וואָלט געשפיעלט נאך אמאל די קרייצער סאָנאטע, אום צו ערוועקען איהר רייץ... אונד איך, דומקאָפ, ליעג דערוויל דאָ, וועהרענד זייא קושען זיך אונד לאבען... ניין, ניין, ער האט אָנגענומען

איהר ליעבע, אפילו ווען זיא איז ניט אזוי יונג... דאן איז זיא דאך איבערהויפט ניט מיאוס, אונד דיא הויפטזאך איז, זיא קען דאך ניט געפעהרליך ווערען פיר זיין קאַסטבארע געזונדהייט... ווארום האב איך זיא ניט דאמאלס דערוואָרגען, מיט אַכט טעג צוריק, ווען זיא איז געווען אין מיין צימער?"

איך האב מיך גאנץ גוט עראינערט אן יענעם צושטאנד, אונד איך בין זיכער געוועו, אז איך האב אין מיר בעזעסען גענוג וואוטה אום זיא צו ערמאָרדען. איך האב בעדויערט ווארום איך האב פערנאכלעסיגט דיא געלעגענהייט.

„עס וואָלט בעסער געווען דער שמערץ," האב איך געטראַכט. „צו צווייפלען אין איהר שולד, שוין נאך דעם וויא זיא איז טויט, אלס צו זיין איבערצייגט, אז זיא איז שולדיג, אונד ענטרייסען דיא ליעבע אונד פליכט פון דיא אונשולדיגע קינדער!"

איך האב געוואָלט אויסשרייען וויא א פערוואונדעטער הונד, אָבער איך האב דערשטיקט דיא שטימע אין מיר. קראַפט אונד מאַכט האבען צוריק געקעהרט מיט גרויסער שנעלליגקייט, אונד איך האב, פאר אלעמען, אויסגעצויגען מיינע שטיוועל. איך בין אויפגעשטאנען אין דיא זאָקען. דאן האב איך אויסגעשטרעקט מיין האנד צו דער וואנד, איבער דער סאָפא, וואו מיינע געוועהרען זיינען געהאנגען. איך האב פון דאָרט ארונטער גענומען נאך איין אונבעניטצטען דאמאסצענער קינושאַל. דאס איז געווען א צווייא־שארפיגעס קרומעס שטיך־מעסער. איך האב דערפון ארונטער גענויגען דיא לעדערנע שייד, וועלבע איז ארונטער געפאלען צווישען דער סאָפא.

איך עראינער מיך, אז איך האב געדענקט, דאס איך מוז דיא שייד נאכהער אויפזוכען אונד צוריק לעגען אויף איהר פלאטץ, זאָנסט וועט זיא פערלוירען געהען. דאן האב איך אויסגעצויגען מיין פאַלטאָ, וועלבען איך האב נאך אימער געטראגען אויף מיר. דערצו האט מיך געצוואונגען דיא גרויסע ווארעמקייט אונד איך האב געשפירט, אז צו מיין ארבייט קען ער מיך הינדערן.

איך האב אָנגעהויבען צו געהען מיט לייכט שריט צום זאלאָן. וויא אזוי איך בין געגאנגען, געדענק איך ניט. אויב לאנגזאם אָדער געלאָפען, קען איך גענוי ניט זאגען, אָבער איך בין געווען גענוג פאָרזיכטיג, מען זאָל מיך ניט הערען. איך האב גערעכענט, אז זייא זיינען נאך אימער אין נעבען־צימער, נאָר ווען איך האב געעפענט דיא טהיר, זייבען זייא שוין געווען אין זאלאָן.

27.

דער אויסדרוק פון איהר געזיכט, ווען זיא האט מיך ערבליקט, איז געוועזן שרעקליך. אָבער דאס האט מיך געפרייט. איך וועל ניעמאלס פערגעסען דיא טויט־שרעקען, ערשטוינען, איבערראשונג אונד ווילדהייט, וואס האט זיך אין יענער מינוט אבגעשפּיעגעלט אויף איהר געזיכט. עס האט אויסגעזעהן וויא איין אבערגלויבישער מענש ערבליקט אין דער פינסטער אויפשטייגענדיג דיא פיגור פון זיין טויטען שונא.

ער איז, דאכט מיר, געזעסען נעבען איהר ביים טיש, אָבער ער איז גלייך אויפגעשפּרונגען אונד זיך געשטעלט מיט'ן ריקען נעבען א גרויסען קליידער־שראנק. זיין געזיכט האט אויך אויסגעזעהן שטארק דערשראָקען.

אָבער, פּלוצלינג, האט זיך דיא מיענע אויף איהר געזיכט געוועקסעלט. איך בין מודה ומתודה, אז ווען זיא וואָלט ניט אָנגעפאנגען וויעדער אמאל, אונד גראדע דאמאלס, צו שפּיעלען איהר אלטע ראָלע פון פערשטעלען, וואָלט עס פיעללייכט אנדערש געוועזן. אָבער דיא מיענעם אויף זייערעביידען'ס געזיכטער, האבען זיך זעהר אָפט געוועקסעלט, אונד פאַרגעשטעלט צאהלרייכע בילדער פון זייערע געדאנקען.

אויף זיין פּנים, האב איך געלעזען, אז ער פרעגט זיך אליין, אויב עס וועט איהם געלינגען מיך אָבצונארען. ווען יא, דאן מוז ער עס זאָפאָרט פּראָבירען, אונד ווען ניט, דאן דארף ער, אלס ערפאהרענער אין אזעלכע סצענעס, עטוואס אנדערש פּראָבירען.

אָבער וואס איז דאס? זיין בליק ווענדעט זיך צו איהר, אונד איך לעז אין דיעזען בליק א פראגע. זיא וויעדער ערווידערט דיעזען בליק מיט א צווייטען, וויא איינער רעדט: „דער דומקאָפּ שטערט אונז.“ איהר געזיכט, איהרע מיענען, האבען מיך שיער פערריקט געמאכט אוים צאָרן.

דעם קינזשאל האב איך דערווייל געהאלטען מיט מיין רעכטער האנד אויף דעם ריקען, זייא זאָלען איהם ניט זעהען. אין דיעזען אויגענבליק, האט זיך בעוויעזען אויף זיינע ליפּען א שמייכעלע, אונד מיט א נאטירליכער קאלטבלוטיגקייט, האט ער געזאגט:

„אונד מיר האבען געשפּיעלט“...

„דאס איז אונערווארטעט,“... האט זיא דאן אָנגעפאנגען מוטה פאסענדיג, נאכדעם וויא זיא האט געהערט זיין שטימע.

זייא האבען אָבערביידע ניט געקענט ענדיגען וואס זייא האבען געוואָלט זאגען.

אהאַ! איך האב מיך דערפרייט! איך האב געשפירט א געוואלטיגע לוסט צו מאָרדען!

עס איז קיין צווייפעל, אז מיין געזיכט האט פאַרגעשטעלט דיא שוידערהאפ־טיגקייט זעלבסט. איך האב מיר געמערקט וויא אין זייערע בליקען צו מיר, איז גע־לעגען דיעזעלבע שרעק, וויא צור צייט וואס א שוואכער אונד הילפלאָזער מענש, זעהט זיך אין דער געוואלט פון א ווילדער חיה.

מיט איין שפרונג בין איך געוועזן נעבען איהר. דעם קינזשאל האב איך נאך אימער געהאלטען הינטער מיין ריקען, דאמיט טרוכאטשעווסקי זאָל מיך ניט שטערען. איך האב שוין פאָלשטענדיג געוואוסט וואס איך וועל טהון — אריין שטעכען דעם קינזשאל אין איהר זייט, אונטער דער ברוסט.

אָבער אין נעכסטען אויגענבליק, האט ער בעמערקט דעם קינזשאל, אונד אָנ־געכאפט מיין האנד, וועלכעס איך האב פון איהם ניט ערווארטעט.

„וואס איז מיט אייך, מענש!" האט ער געשריען, „וואס ווילט איהר טהון? הילפע! רעטעט!"

איך האב מיט איין בעוועגונג, אויסגעריסען מיין האנד, אונד מיך אויף איהם געוואָרפען מיט אזא וואוטה, אז איך האב פערגעסען אן דעם קינזשאל, אונד איהם געוואָלט צעררייסען מיט דיא צייהן.

ער האט געוויס געררעכענט, אז זיין לעטצטע שטונדע האט שוין געשלאָגען, דען זיין געזיכט האט אויסגעזעהן אזוי בלאס וויא דיא וואנד, זיינע אויגען האבען זיך אָנגעפאנגען צו שליעסען אונד עפענען, אונד, וויא יעדער פייגלינג. שופט, האט ער זיך אויסגעריסען אונד ענטלאָפען אין נעבען־צימער.

איך האב איהם געוואָלט נאכלויפען, אָבער א גרויסע אונד שווערע משא האט זיך פלוצלינג אויפגעהאנגען אויף מיין לינקען ארעם. אנפאנגס האב איך ניט פער־שטאנען, אין מיין איבעררראשונג, פון וואנען דאס קומט. אָבער א בליק צוריק, האט מיר געצייגט, אז זיא איז עס. איך האב מיך געוואָלט אויסרייסען, אָבער זיא איז געהאנגען נאך שווערער אונד מיך ניט אבגעלאָזט.

עס זעהט אויס, אז איך האב אויף אזא אונערווארטעטע שטערונג ניט גע־האָפט. איהר בעריהרונג ווידער, האט מיך נאך שרעקליכער צורייצט אונד דיא העכסטע שטופע פון צאָרן אונד האס, איז אין מיר ענטשטאנדען. איך האב מיט אויסעראָרענטליכער קראפט בעוואויגען מיין לינקע האנד, מיך אויסגעריסען, אונד

איהר געטראָפּפען מיט מיין עלענבויגען צווישען איהרע אויגען, מיט אזא העפטיגער מאכט, דאס איך האב געדענקט, מיין ביין האט זיך אָנגעשלאָגען אן איין אייזען. זיא האט אַרויס געלאָזען א שמערצהאפטען געשרייא אונד איז צוריק געשפּרונגען, צולעגענדיגביידע הענד צו איהר געזיכט.

איך האב געוואָלט טרובאטשעווסקי'ן נאכלויפען, טראכטענדיג, אז איך וועל שוין מיט איהר דערנאך פערטיג ווערען. עס איז מיר אָבער דערווייל איינגעפאלען, אז ער איז שוין געווים אויף דער גאס, אונד עס וועט אויסזעהען צו לעכערליך איהם צו פערפאָלגען אין דיא הוילע זאָקען.

ניין! איך האב ניט געוואָלט ערשיינען לעכערליך, זאָנדערן שרעקליך! טראָטץ דעם שרעקליכען צאָרן וואס האט מיך בעהערשט, בין איך דאָך געבליעבען בייא מיינע געדאנקען אונד איבערלעגונג. איך קען זאגען מיט זיכערהייט, אז יעדע פון מיינע האנדלונגען, איז דאמאלס געווען אויף אַזוי וויט אויסגערעכענט, וויא נאָר א מענש קען זיך פאָרשטעלען אונטער אַזעלכע אומשטענדען.

איך האב מיך אומגעווענדעט. זיא איז געזעסען אויף א ווייכען שטוהל, האל־טענדיג דיא הענד בייא איהר געזיכט, אונד מיך אָנגעקוקט. איהר מויל האב איך געקענט זעהן גאנץ גוט. דאס האט אויסגעדריקט שרעק אונד האס געגען מיר. עס איז מיר פאָרגעקומען אוננעפעהר וויא דיא מויז זעהט אויס, בשעת דיא קאטץ האט זיא געפאנגען צווישען איהרע לאַפּעס.

איך, ווענינגסטענס, האב געלעזען אין איהר גאנצער בענעהמונג, מורא פאר מיין אויפרעגונג אונד האס דערפאר, ווייל איך האב געשטערט איהר ליעבע צו אנאנדערן.

נאך צווייפעל איך, אויב איך וואָלט דיא לעצטע שרעקליכע סצענע דורכ־געפיהרט, ווען זיא וואָלט געשוויעגען. פיעללייכט וואָלט איך זיא געשלאָגען, אָדער מיך אָבגעווענדעט מיט פעראכטונג נאכדעם וויא איך וואָלט זיא אַרויס געוואָרפען פון הויז. אָבער זיא האט אָנגעהויבען צו רעדען, אונד זיך אויפהויבענדיג פון דעם שטוהל, האט זיא געוואָלט גרייכען מיין האנד מיט דעם קינזשאַל. איך האב אָבגע־ווענדעט דיא האנד, אונד זיא האט געזאגט:

„בעזינן דיך! קום צו דיין פערשטאנד! וואס ווילסטו טהון? וואס איז מיט דיר? עס איז גאר ניט געשעהען, גאָר ניט! איך שווער עס דיר!"

זיא זאגט מיר עס איז גאר ניט געשעהען! אונד שווערט מיר! זיא? דיעזע בערוהיגענדע ווערטער, האבען איבער מיר געמאכט גראָדע א געגען־איינדרוק. עס איז שוין געווען צו פיעל, איך זאָל נאָך וואַרטען. דיא אונפערשעהמטהייט פון איהר

איז צו ווייט געגאנגען. עס איז מערקווירדיג, אַבוואָהל איך האב געוואוסט, אז איך האב מיט איהר מעהר ניט וואס צו טענה'ן, האב איך דאָך געענטפערט:

„שווייג, אונפערשעהמטע! ווער פערשטומט, ליגנערין! זוך ניט מיך נאָך יעטצט צו נאַרען!"

איך האב זיא אָנגעכאַפּט מיט מיין לינקער האנד, אָבער זיא האט זיך אויס־געריסען. דאַן האב איך זיא ערגריפען צום צווייטען מאָל מיט דער לינקער האנד ביים האלז, זיא אַניעדער געוואָרפען צו דער ערד. דעם קינזשאל האב איך נאָך אימער געהאַלטען אין דער רעכטער האנד, אָבער א געוואַלטיגער חשק האט מיך אָנגעכאַפּט, זיא צו דערווערגען. זיא האט אבער מיט איהרע ביידע הענד, אָבגע־ריסען מיין האנד פון איהר האלז.

דאַן האב איך פעסט צוגעדריקט איהר קערפּער מיט מיין קניע, ארויף געלעגט מיין לינקע האנד אויף איהר ברוסט, מיך שטארקער צוגעבויגען, אונד אריין גע־שטאָכען דעם קינזשאַל, טיעף, צווישען איהרע ריפּען, אין דער לינקער זייט.

ווען מענשען בעהויפּטען, אז וועהרענד א שרעקליכען כעס, וויסען זייא ניט וואס זייא טהון — איז דאס ניט אמת! עס איז א ליעגען! איך האב געוואוסט אלעס וואס איז פאָרגעגאנגען אין יעדען אויגענבליק. וואס מעהר דיא פירכטערליכע וואוטה האט געוואקסען, אַלץ דייטליכער האבען געהאנדעלט מיינע געדאנקען, וועלכע האבען געהאט איין בלוטדורסטיגען ציעל. איך קען ניט זאגען, אז דיא איינצעל־הייטען זיינען מיר פריהער געווען אַלע בעקאנט, אָבער איך בין זיכער, אז וועהרענד דער טהאַט, האב איך גאַנץ גוט געוואוסט פון מיינע האנדלונגען.

עס האט מיר אויסגעזעהען, אז איך וויים גאַנץ גוט, דאס שפּעטער קען איך חרטה האבען, אונד איך האב מיך געקענט גאַנץ גוט בעהערשען, ווען איך וואָלט נאָר געוואָלט. אָבער מיין וואונש איז געווען צו מאָרדען, אונד דאס האב איך גע־טהאָן. דער מאָמענט איידער איך האב איהר אריין געשטאָכען דעם קינזשאל, איז מיר געווען גאַנץ קלאָר. דאַן געדענק איך, וויא דער קאָרסעט האט מיך אַביסעל געהינדערט, אונד דאַן האב איך געשפּירט וויא דאס מעסער געהט אין ווייכען אונד איך שטויס אַלץ טיעפער. זיא האט אָנגעכאַפּט מיט איהרע ביידע הענד דעם קינזשאַל, זיא האט זיך אָבער שטארק צושניטען אונד ניט געקענט אָבהאַלטען מיין מערדערישע טהאַט.

בשעת איך בין געזעסען אין געפענגניס, האב איך זעהר פיעלע מאל נאכגע־דענקט איבער יענע מאָמענטען, אונד יעדע איינצעלהייט איז פאר מיר ערשיענען מיט דער גרעסטער דייטליכקייט. איך האב אויך געדענקט, אז איך מאָרדע

א שוטצלאָזע פרוי, וועלכע האט זאָגאר קיין מעגליכקייט זיך צו פערטהייי־ דיגען.

ווען איך בין געווען איבערצייגט, אז דער לאנגער קינזשאל האט שוין געוויס געגרייכט יענע טהיילען, אז וואו ער שטעכט בעדייטעט טויט, האב איך איהם ארויס געצויגען, שנעל אונד האסטיג.

וואס האב איך געמיינט דערמיט? יא, אויך דאס געדענק איך. איך האב פלוצלינג חרטה געהאט אויף דעם וואס איך האב געטהאָן, אונד איך האב געוואָלט אלעס ווידער ענדערן, דאס הייסט, זיא זאָל ניט שטארבען, איך זאָל ניט זיין איהר מערדער.

זיא איז אויפגעשפרונגען אונד אויסגעשריען: „ניאניא! ער האט מיך ער־ מאָרדעט!" דאס קינדער־מעדכען, וועלכע האט געהערט דעם ליארם אונד ערוואכט, איז גראדע צוגעקומען צו דער טיהר אונד איז געבליעבען שטעהען. איך בין אויך געשטאנען, געקוקט פערווירט, ניט געוואוסט וואס צו טהון, אונד עפּעס איז מיר פארגעקומען אונגלויבליך איבער דעם וואס איז געשעהן. דאן האב איך געזעהן א שטראָם בלוט ארויס פליסענדיג פון איהר זייט אויף דעם קלייד, אונד איך האב בעגריפען וואס עס האט פאסירט. איך האב פערשטאנען, אז אלעס איז פאָר־ איבער, אזוי האב איך געוואָלט, אזוי איז געשעהען, אונד — אזוי האט עס גע־ מוזט זיין!

איך האב געווארט ביז זיא איז אומגעפאלען. דאס מעדכען איז צוגעלאָפען מיט א געשרייא: „מיין גאָט!"

דאן האב איך אוועק געוואָרפען דעם קינזשאל אונד בין אוועק צו מיין צימער.

„איך דארף מיך ניט אויפרעגען," האב איך געטראכט, „איך טאָר ניט זיין איבערראשט, אונד מוז וויסען וואס איך האב צו רעדען."

איך האב שוין צוריק ניט געקוקט. איך האב געהערט מיין פרוי'ס שטימע, רופענדיג דיא גאָווערנאנטע. פארבייגעהענדיג דעם קאָררידאָר, האב איך אריין גע־ שיקט צו איהר דיא גאָווערנאנטע. דאן בין איך אריין אין מיין צימער.

„וואס זאָל איך יעטצט טהון?" האב איך מיך געפרעגט. איך בין שוין געווען גאנץ רוהיג, אונד איך האב אָנגעפאנגען אויסצואַרבייטען א פּלאַן.

איך האב אָנגעצונדען א לאָמפּ, אונד א קוק געבענדיג אויף דער וואנד מיט געוועהר, האב איך צו מיר געמורמעלט א צופריעדענעם „גוט!" אויסשטרעקענדיג דיא האנד, האב איך ארונטער גענומען א רעוואָלווער. איך האב איהם בעטראכט

אונד געזעהען, אז ער איז געלאדען. דאן האב איך איהם לאנגזאם אוועק געלעגט אויף'ן טיש. אין דערזעלבער צייט האב איך מיך דערמאָהנט אן דער שייד פון דעם קינזשאל, אונד מיך אָנבויגענדיג, האב איך איהם אויפגעהויבען פון צווישען דער סאָפּא. אָבער א שרעקליכע מיעדקייט האט מיך בעפאלען, אונד מיין קערפּער איז צוריק געזונקען אויף דער סאָפּא.

א היבשע צייט בין איך אזוי געזעסען, אָהן געדאנקען, אָהן ערינערונג. עס האט אויסגעזעהען, אז גראדע וויא מיין קערפּער קען זיך ניט ריהרען פון גרויסער אנשטרענגונג, אזוי איז עס אויך געווען מיט מיין געהירן. איך האב אָבער אונטער־דעסען געהערט כמעט אלעס וואס עס איז פאָרגעגאנגען אין הויז. איך האב געהערט וויא יעמאנד איז צוגעפאָהרען פאר דער טיהר, דאן נאך יעמאנד. איך האב געהערט אונד געזעהען, וויא יעגאָר איז געקומען אונד אהיים געבראכט דאס געפּעק. צו וואס האט דאס מיר געטויגט?

„האסטו געהערט וואס עס איז געשעהען?" האב איך איהם געפרעגט. ער האט וואהרשיינליך שוין געהערט, דען ער האט ארונטער געלאָזען דעם קאָפּ אונד געשוויגען.

„געה זאג יעמאנדען פון דער דיענערשאפט," האב איך ווידער אָנגעפאנגען, „ער זאָל דאריבער אָנזייגען דער פּאָליציי."

יעגאָר האט גאר ניט געענטפערט אונד איז אוועק.

איך האב מיך געשפּירט אביסעל קרעפטיגער נאך דעם רעדען מיט יעגאָר'ן. איך בין אויפגעשטאנען, גענומען א ציגארעטע, אָנגעצונדען אונד אָנגעפאנגען צו רויכען. איך האב אונטערדעסען צוגעשלאָסען דיא טהיר, אונד אלס איך בין נאך ניט פערטיג געוואָרען מיט דער ציגארעטע, האב איך געשפּירט אזא מיעדיגקייט אין מיינע אויגען, דאס איך האב מיך צוריק געזעטצט אויף דער סאָפּא, אונד בין זאָפאָרט איינגעשלאָפען.

איך האב געשלאָפען אונגעפעהר א פּאאר שטונדען. איך געדענק, אז איך האב געחלום'ט, דאס איך מיט מיין פרוי זיינען ווידער פריינדליך געווען צו אנאנ־דער, אז מיר האבען זיך געקריעגט אונד נאך אמאל איבערגעבעטען.

מיך האט אויפגעוועקט א קלאפּען אין דער טהיר.

„דאס איז דיא פּאָליציי," האב איך מיר געטראכט ערוואכענדיג. „ריכטיג, איך האב דאך בעגאנגען א מאָרד. אָדער פיעללייכט איז עס גאָר ניט דיא פּאָ־ליציי אונד עס איז גאָר ניט געשעהן." — איך האב מיר געריבען דיא אויגען אונד

מען האט נאך אמאל אָנגעקלאפּט. איך האב ניט געענטפערט, אונד מיך בלויז געפרעגט:

„האט דאס ווירקליך פּאסירט? — יא, יא, איך האב זיא דערשטאָכען!"

איך האב מיך באלד עראינערט אן איהר קאָרסעט, וועלכער איז געוועזן הארט צום דורכשטעכען, דאַן, וויא עס איז געוועזן ווייך, אונד וויא איך האב געזוכט צו טרעפען אין איהר הערץ.

„יא, געוויס," האב איך געמורמעלט, „עס איז ניט געוועזן קיין חלום, זאָנדערן א ווירקליכקייט, אונד יעטצט מוז איך מאכען א סוף פון מיין אייגענעם לעבען." אָבער וועהרענד איך האב דאס איבערגעדענקט, האב איך גאַנץ גוט געוואוסט, אז איך וועל מיך ניט הרג'ענען. איך האב אונטערדעסען ערגריפען דעם רע־וואָלווער.

מערקווירדיג! איך האב מיך עראינערט וויא אָפט עס איז מיר שוין געקומען אויף דיא געדאנקען מיר צו נעהמען דאס לעבען, אונד אויף דער באהן, וויא ענט־שלאָפען איך בין שוין געוועזן דערצו. איך האב אימער געדענקט, וויא דאס וועט זיא דערשרעקען. אָבער צו דיעזער צייט, בין איך שוין ניט מעהר פעהיג געוועזן מיר אריין צו יאָגען א קוגעל אין דיא שלייפען.

„איבעריגענס," האב איך געטראכט, „צו וואס זאָל איך דאס טהון?" איך האב מיר דארויף ניט געקענט געבען קיין ריכטיגען ענטפער.

מען האט שוין צום דריטען מאל אָנגעקלאפּט אין דער טיהר, אונד איך האב געמוזט זעהען ווער דאָרט איז. איך האב אוועק געלעגט דעם רעוואָלווער צוריק אויפ'ן טיש, איהם צוגעדעקט מיט א צייטונג, צוגעגאנגען צו דער טיהר אונד געעפענט דעם ריעגעל.

עס איז געוועזן מיין פרוי'ס שוועסטער, א גוטע אונד איינפאכע פרוי.

„שוואָגער," האט זיא געזאגט מיט טרערען אין דיא אויגען, „וואס האט איהר געטהאָן?"

„וואס ווילט איהר?" האב איך זיא געפרעגט אין א בעזען טאָן. איך האב געוואוסט, אז איך דארף מיט איהר ניט רעדען גראָב, וויל זיא האט עס זיך ניט פערדיענט. אָבער איך האב קיין אנדערן טאָן ניט געקענט געפינען צו מיין שטימע.

„שוואָגער!" האט זיא ווייטער געזאָגט, וועהרענד דיא טרעהרען זיינען גע־לאָפען פון איהרע אויגען, „זיא שטארבט! איוואן פעאָדאָראָוויטש האט עס געזאגט."

איוואן פעאָדאָראָוויטש איז געווען דער דאָקטאָר — איהר דאָקטאָר אונד יועץ.

„איז ער דען דאָ?" האב איך ווידער געפרעגט אין צאָרן.

„וואס ווילט איהר יעטצט, שוואָגער? זאָל ער זיין. געהט אריין צו איהר; עס זיינען דיא לעטצטע מאָמענטען."

„זאָל איך צו איהר געהן?" האב איך מיך געפרעגט. עס איז ניט געווען זעהר אנגנעהם, אז אזא מאן וויא איך, וועלכער האט דעשטאָבען זיין ווייב, זאָל געהען אונד שטעהן בייא איהר גסיסה.

„אָבער עס איז דאָך אזוי דיא מאָדע," האב איך מיר וויטער געטראכט, „איך מוז געהען. איבעריגענס, וואס קען איך דאָ צולעגען? איך וועל נאך צייט האבען שפּעטער, מיר צונעהמען דאס לעבען. יעטצט, נאַטירליך, וועל איך הערען קולות, קלאגען, פּלאגען אונד אנדערע עקעלהאפטע סצענעס; אָבער קיין זאך וועט מיך ריהרען."

מיין שוועגערין האט ניט געוואוסט וואס איך דענק, אונד אימער וויינענדיג אין דער שטיכל, האט זיא זיך אומגעווענדעט.

„ווארט אוים אביסעל," האב איך פּלוצלינג געזאגט מיט אביסעל א ווייבערע אָבער הייזעריגע שטימע. „עס פּאסט דאָך ניט איך זאָל געהן אָהן שיך. איך וועל מיר אָנטהאָן דיא פּאנטאָפעל."

28.

דעם מענשען'ס נאטור איז א געהיימניס. וויא איך בין ארויס געקומען אין קאָרידאָר אונד ווידער אמאל ערבליקט מיין בעקאנטע היימאטה, האט אין מיר ערוואכט דיא האָפנונג, אז עס איז גאָר ניט געשעהן, אונד אלעס וועט נאך גוט ווערען. אָבער דער אונאנגענעהמער גערוך פון דיא ערצטליכע מעדיצינען — קלאָ־ראָפּאָרם אונד קארבאָל — האט מיך באלד דערמאָהנט, אז דאס ווערט פערווענ־דעט צו איהר וואונד אונד איך האב שוין ניט אויף וואס צו האָפען.

אריבער געהענדיג דעם קאָרידאָר, נעבען קינדער־צימער, האב איך דערזעהען ליזאָ'ן. איהר אויגעלעך זיינען געווען רויט אבער טרוקען. דאס ארמע קינד האט וואהרשיינליך שוין פערגאָסען אזוי פיעלע טרערען, אז זיא האט מעהר ניט געקענט וויינען. איהר געזיכט האט פאָרגעשטעלט א גאנצע וועלט מיט שרעק אונד אנגסט. מיר האט געדאכט, אז אלע 5 קינדער קוקען אויף מיר. אָבער איך האב מעהר ניט

צוריק געקוקט, אונד צוגעגאַנגען צו דער טיהר. דאס קינדער־מעדכען האט געעפענט פון אינווענינ, אונד איז ארויס געגאַנגען.

דאס ערשטע, וואס מיינע אויגען האבען ערבליקט, איז געווען איהר העלל־גרויעס קלייד, וועלכעס איז געהאנגען אויף א ביינקעל, אונד איז געווען האלב שוואַרץ פון בלוט. אויף אונזער דאָפּעל־בעט איז זיא געלעגען מיט אויפגעהויבענע קניען. איהר קאָפּ איז אויך געווען הויך אונטערגעבעטט, וואהרשיינליך וורייל דער דאָקטאָר האט אזוי געהייסען. זיא איז געווען אַנגעצויגען אין איין אויפגעקנעפּעלטען ווייסען נאכט־יאַק. דיא וואונד איז געווען עטוואס בעדעקט. א שטארקער גערוך פון יאָדאָפאָרם האט זיך געפיהלט אין צימער.

איך האב באלד בעמערקט איהר געשוואָלענעס געזיכט, מיט בלויע פלעקען אויף דער נאָז אונד צווישען דיא אויגען. דאס איז געווען פון דעם העפטיגען קלאפּ מיט דעם עלענבויגען, ווען זיא האט מיך געוואָלט צוריק האלטען איך זאָל ניט נאכלויפען טרוכאטשעווסקי׳ן. איהר שעהנהייט איז געווען פערשוואונדען, אונד אנשטאט דעם, האב איך געזעהן עפּעס עקעלהאפטעס אין איהר.

איך בין נאך אימער געשטאַנען פון ווייטען. „געהט צו, שוואָגער,“ האט דיא שוועסטער געזאגט. „פיעללייכט וויל זיא זיך מתודה זיין פאר מיר.“ האב איך גע־טראכט, „זאָל איך איהר מוחל זיין ?“ איך האב געוואָלט זיין בארמהערציג. איך בין צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט. זיא האט מיט מיה אויפגעהויבען דיא אויגען צו מיר אונד מיך אָנגעקוקט. איין אויג איז געווען שטארק געשוואָלען. זיא האט אָנגעפאַנגען צו רעדען מיט א שוואכער שטימע. עס האט אויסגעזעהען, אז יעדעס וואָרט קאָסט זיא לעבען.

„דוא האסט ענדליך ערדייכט דיין ציעל,“ האט זיא געזאגט. „דוא האסט מיך ערמאָרדעט.“

פון איהרע אויגען האט אויסגעבראָכען דער אַלטער אונד קאַלטער האס צו מיר, אונגעאכטעט דארויף, וואס דער טויט איז איהר שוין געשטאַנען צו־קאָפּענס.

„אָבער,“ האט זיא ווייטער קוים געמורמעלט, „דיא קינדער... זייא וועל איך דיר ניט געבען... זיא (דיא שוועסטער) וועט... זייא נעהמען.“

דאס וואס מיר איז געווען דיא הויפּטזאך, זיא זאָל זיך מודה זיין, דער־צעהלען פון איהר פאלשקייט צו מיר, האט זיא ניט געפונען פאר נעטהיג צו שילדערן.

יא,״ האט זיא געזאגט מיט איהרע לעטצטע כוחות, ,,פרעה דיך מיט דיין טהאט״... זיא האט געבליקט צו דער טיהר אונד אָנגעפאנגען צו וויינען. דיא קינדער זיינען וועהרענד דעם אריין געקומען. ,,זעה, זעה, וואס דו האסט געטהאָן... דו האסט זייא געמאכט פאר יתומים״...

איך האב געבליקט צו דיא קינדער, אויף איהר, אויף איהר פערשוואָלענעס געזיכט, אונד צום ערשטען מאָל האב איך פערגעסען אן מיינע רעכטע, אן מיין שטאָלץ — אונד, צום ערשטען מאל האב איך צו איהר געשפּירט דיא סימפּאטהיע וויא צו א מענ־שען, צו א שוועסטער. אלעס וואס איך האב געליטען, האט אויס־געזעהען פּלוצלינג פערשוואונדען נעגען דער עראינערונג פון מיין לעטצטער טהאט. איך האב איהר געוואָלט זאגען: ,,פערצייהע מיר,״ אָבער איך האב עס ניט גע־וואגט ארויס צו רעדען פון מיין מויל.

איהרע אויגען האבען זיך צוגעמאכט. דאן האט אויפגעציטערט איהר פּער־וואונדעטעס געזיכט, אונד אויסשטרעקענדיג איהר האנד, האט זיא מיך אָבגע־שטויסען לאנגזאם אן א זייט.

,,ווארום, ווארום,״ האט זיא געמורמעלט וועהמיטהיג, ,,האט דאס אלעס געמוזט אזוי זיין ?״

,,פערצייהע מיר!״ האב איך געענטפערט.

,,דיר פערצייהען, יא, ווען דו וואָלסט מיך נאָר ניט געהרג׳עט.״ בייא דיעזע ווערטער האבען זיך איהרע אויגען געעפענט, אונד געבליקט ווילד, פיעבער־האפט.

,,פערצייהע מיר!״ האב איך נאך אמאל געזאגט.

,,דאס איז דומהייטען!״ האט זיא געשריען מיט א העפטיגער שטימע, ,,ווען איך זאָל נאָר ניט דארפען שטארבען! דו האסט אָבער ערר־ייכט דאס, וואס דו האסט געוואָלט. — אך! וויא איך האס דיך!״

דאן האט זיא אָנגעהויבען צו פאנטאזירען, אונד געשריען: ,,שיס מיך, איך האב קיין מורא ניט! — מאָרדע אָבער אלע! — ער איז אוועק! ער איז אוועק!״

דיא היטץ האט נעשטיעגען, אונד זיא האט אפילו דיא קינדער מעהר ניט דערקענט.

אום מיטאגנ־צייט, אין דעמזעלבען טאג, איז זיא געשטאָרבען. אונד איך האב פון איהר קיין וואָרט געהערט, וואס זאָל בעשטעטיגען איהר שולד. איז זיא ווירקליך

שולדיג געווען? דאריבער צווייפעל איך ניט. אָבער אויף וויא ווייט שולדיג? ווער קען דאס וויסען? טרובאטשעווסקי קען דאריבער אורטהיילען.

איך בין אונטערדעסען, דאס הייסט, איידער זיא איז נאך געשטאָרבען, ארע־טירט געוואָרען. מען האט מיך פריהער געפיהרט אין דער פּאָליציע, וואו מען האט מיך גענומען אויף א קורצען פערהער. דאן האט מען מיך אריין געזעטצט אין גע־פענגניס, וואו איך בין אָבגעזעסען 11 מאָנאט.

איך האב גענוג צייט געהאט צו דענקען, אונד איך האב דאָרט גוט שטודירט מיין פערגאנגענהיים. וויא ווייט איך האב דיעזע פערשטאנען, האט איהר געקענט הערען ביז יעטצט, וואס איך האב פאר אייך געשילדערט אין קורף פון מיין געשיכטע.

מען האט מיר ערלויבט צו געהען נאך איהר לויה, אין דער בעגלייטונג פון א פּאָליציסט. ווען איך האב געזעהען איהר בלאַסעס אונד טויטעס געזיכט — ניין, ווען איך האב זיא דערשטאָכען, אין יענעם מאָמענט, האב איך פערשטאנען, אז מיין פרוי איז פאַר מיר שוין לאנג טויט. אונד איך בין געווען דער יעניגער וואס האב זיא ערמאָרדעט. בליקענדיג וויעדער אין דיא טויטע געזיכטס־ציגע פון מיין פרוי, אויף איהרע פערשטארצטע גליעדער, האב איך פערשטאנען, אז אלעס איז שוין פער־פאלען, אונד איך קען שוין גאָר ניט פטרריכטען.

מיין פּראָצעס, וואס איך האב שוין איינמאָל דערמאָהנט, איז געווען וויא אלע פּראָצעסען פון דיעזער ארט. דיא ריכטער אונד דיא געשוואָרענע האבען אקצעפּטירט דיא לעטצטע טהאַטזאכע, דאס הייסט, איך האב געבאַפּט מיין פרוי מיט איין אנדערן, אונד איך האב זיא דערפאר ערמאָרדעט.

ערשטענס האבען זייא גאָר ניט געקענט דענקען אנדערש, דאס איך האב זיא ווירקליך ענטדעקט מיט טרובאטשעווסקי'ן אין אזא צושטאנד, וועלכער האט מיך געקענט אויפרעגען צום פונקט פון מאָרדע'. ווארום דען האב איך בעגאנגען דעם מאָרד? מען האט קיינע וויטערע בעוויזע געזוכט דאריבער, אונד מען האט אויך קיינע בעוויזע געקענט פאָרדערן. וואס טרובאטשעווסקי האט געזאגט, אלס עדות, אונד געקענט זאגען, האט מען איהם ניט געוואָלט גלויבען. דארף מען דען האבען איין אנדערן בעוויז, וויא אז ער איז געווען מיט מיין פרוי, אין מיין אבוועזענהייט, אום 1 אוהר נאך האלבע נאכט אליין אין א צימער?

פיעללייכט האבען זייא געשפּראָכען פון מוזיק, גערעדט פון קונסט, אָדער אירגענד עטוואס? ניין, דאס וועט דיא הערען ריכטער אונד דיא הערען גע־

שוואַרענע קיינמאל ניט איינפאַלען. זייא אלע ווייסען, אז א מאן מיט א פרוי קומען זיך נאָר צוזאַמען, — איבערהויפּט אזוי שפּעט בייא נאַכט, — אום קערפּערליכען גענוס צו האָבען.

דיא פרוי איז דאָך צו דיעזען צוועק געשטעלט געוואָרען; מען שטודירט דאָך מיט איהר דאסזעלבע פון קינדהייט אויף.

יא, מען קען גאָר ניט בעגרייפען, וויא א פרוי קען אויך זיין א מענש, ווייל מען גיבט איהר קיין רעכט דערצו.

דיעזע זיינען געווען דיא הערשענדע געדאנקען אין געריכט־הויז.

דאָן, וואס האט דאס מיט דיא ריכטער אונד געשוואָרענע צו טהון, צו אונ־טערזוכען אלטע אורזאַכען? מען האט מיך ניט געפרעגט וויא איך האב פער־בראַכט, אין פּריוואַט, מיט מיין פרוי, אונד ווער עס האט געקענט שולדיג זיין אין דעם, וואס טרובאַטשעווסקי האט געהאט דיא מעגליכקייט צו צוקומען צו מיין פרוי אזוי שפּעט בייא נאַכט.

אזעלכע פראַגען געבען איבערהויפּט ניט. זיא איז געווען מיין פרוי, מיין דיע־נערין, מיין שקלאַפין, מיין ווערקצייג, אונד זיא האט קיין זאַך בעדאַרפט טהון, וואס איז געווען געגען דיא אנזיכטען פון מיין תאוה צו איהר.

נאַטירליך, אזוי דענקט כמעט יעדער, אונד אזוי האבען וועניגסטענס דיא ריכטער מיט דיא געשוואָרענע גערענקט. זייא זיינען דאָך וועלטס־מענשען, אונד זייא ווייסען שוין וואָס עס איז רעכט אונד וואס עס איז אונרעכט.

אָבער ווער דער שולדיגער איז געווען, האב איך געוואוסט אמבעסטען. איך האב מיין אונגליקליכע פרוי צו אלעמען געטריעבען מיט מיין אייפערזוכט, אונד איך האב פערדיענט דיא תליה, נאך מיט א היבשער צייט פריהער, איידער איך האב אריין געשטאָכען דעם קינזשאל צווישען איהרע ריפּען.

„אָבער איינס מיט דעם אנדערן האט ניט צו טהון אין אונזער גרויסער אונד קלוגער וועלט. מען האט אויסגעפונען — דאָרט אין געריכט־הויז, — אז איך האב ריכטיג, אָדער אנדערש ניט געקענט האנדלען, אונד מען האט מיך בע־פרייעט!“

פּאָזדנישעוו איז געבליעבען שטילל. זיין גאנצער קערפּער האט געציטערט, אונד ער האט אָנגעפאנגען שטילל צו וויינען, אָבער דאס האט געריהרט מיין הערץ. זיין געזיכט האט אויסגעדריקט א גאנצע וועלט מיט ליידען אונד יסורים.

„יא,“ האט ער פּלוצלינג געזאגט, „ווען איך וואָלט דאמאלס געוואוסט

דאס, וואס איך וויים יעטצט, וואלט אנדערש געווען. איך וואלט זיא גאר ניט גע־הייראטעט — ניין! פיר קיין זאך אין דער וועלט!"

עס איז געווען הערצרייסענד צו זעהען וויא דער ארמער פאזדניטשעוו האט געליטען. דאן איז דיא באהן געבליעבען שטעהן בייא דער לעטצטער סטאציאן וואו ער האט בעדארפט אויסשטייגען, אונד איך האב איהם, אוים מיטלייד, בעגלייטעט ארונטער.

ע נ ד ע.

אויספערקויף קאטאלאג

פון מיין איינענעם פערלאג

סענט	
2	**וויכנע דוואשע פאהרט נאך אמעריקא א פרעהליכע ערצעהלונג**
5	וויכנע דוואָשע פאָהרט צוריק פון אמעריקא.
5	וויכנע דוואָשע דיא שדכנטע אדער דיא קונסט חתונה צו מאכען.
5	וויכנע דוואָשע גט זיך מיט'ן מאן אדער טאלאנט בלייבט טאלאנט.
5	הגדה של פסח פיר אמעריקאנער באָרדער. פון חייקיל בטלן,
5	הערשעלע אסטראפאליער. וויטצען אין 2 טהייל פון א, ב,
5	שייקע פייפער, דער וועלט בעריהמטער וויצלינג.
5	אנעקדאָטען בוך, 220 שעהנע וויטצען, פון קוקילשטיין.
5	דער געריהמטער טרעפערי, אָדער ספר הגורלות פון בעל־שם פ. ט.
5	פתרון חלומות אָדער טרוים־בוך צו בעשיידען אלערליי חלומות.
5	למדו היטב א מעטהאָדע צו אונטערריכטען קינדער פון אנפאנג אלף בית,
10	ישו הנוצרי אָדער יוסף פאנדרי ערצעהלונג דיא געבורט פון קריסטענטהום, דיא וואונדער אונד קונסטשטיק וואס דער פאלשער משיח האָט בעוויזען.
10	ישוע הנוצרי פון א היסטאָרישען שטאנד פונקט, פון ד. מ. הערמאלין,
5	מאריא מאגדאלענא אָדער ישו הנוצרי'ס געליבטע איבערזעצט פון א' ב'
10	דער טערקישער משיח אדער שבתי צבי, א היסטאָרישע ערצעהלונג פון הערמאלין
10	מחמד, דאס ערשיינען, לעבין, אונד טהעטיגקייט פון דעם מוסולמענישען געזעטצגעבער, פון ד. מ. הערמאלין,
10	ביים טהיר פון גן עדן, אָדער א פוסטער הלום מיט א גרויסען אמת,
5	אשפאציר דורך דעם גיהנום אָדער דיא געהיימניססע פון יענער וועלט.
3	חכמת היד, אָדער דיא צייכענס פון דער האנד, אויף וואָס יעדער צייכען צייגט
3	היפנאָטיזמוס, דיא קונסט צו היפנאָטיזירען, אונד דער שטודיום פון דיעזער געהיימער קראפט, פון ד' מ' הערמאלין.
2	יאחנא קרוינע פאָהרט נאָך אמעריקא. אָדער אמעריקאנער גליקען.
2	דיא גליקליכע פאָר, אָדער דיא כלה האָט א טעות געמאכט.
2	דער אידישער מיניסטער ליפפאָלד. זיין לעבענס בעשרייבונג,
2	דער קעלביקער רב, אָדער דיא קליינשטעדטילשע בהלה.
30	א קאָך בוך פיר אידישע פרויען. וויא צו מאכען אלערליי געריכטען צום קאָכען, באקען אונד פרעגלען.
25	בוכהאלטונג אונד געשעפטס—פיהרונג זיך אליין אויסצולערנען וויא צו פיהרען ביכער, שרייבען קאנטראקטען אונד געשעפטליכע קאָרעספאנדענץ אין אידיש און ענגליש, פון ד. מ. הערמאלין.
25	א ארץ ישראל אלבום מיט 32 בילדער פון אונזער הייליגע לאנד. וועלכער איז געמאכט געוואָרען פון דעם גרעסטען מאלער פון דער וועלט.

M. Chinsky, 19 Ludlow Street, NEW YORK.